די

# קאוונער בריקע (כו"ד)

אונד

## דער צו נאך צוויא קליינע ערצייהלונגען ·

דער טעות אונ רינג "ווארע געשיכטען":

מאת אמ"ד.

## ווילנא

בדפוס האלמנה והאחים ראם

שנת תרל"ה לפ"ק

ДИ КОВНЕР БРИКЕ,
т. е. Ковенскій возъ. Разсказъ изъ Еврейскаго быта.
Сочиненіе А. М. Дика.

ВИЛЬНА.
Въ типографіи вдовы и братьевъ Роммъ.
На Жмудскомъ переулкѣ въ домахъ
подъ №№ 327 и 328.
1874.



האָרט גיהאט התקרבות ·, כבוד · אונ פיל גוטעס · מען האט איך מיט מיר געפרייט · אונ מען האט מיך געלאדין אין דיא גרעסטע הייזער אום צוא הערין דיא געשיכטע מיינע וויא עס איז מיט מיר צוגעגאנגען · דען אן מעשיות האט מיר ניט געפעלט · איך האב וויא דער ציילט נסים אונ נפלאות · אונ מען האט געגלויבט אדער פיל מער גיוואלט גלויבין · איאר פינף האב איך מיר דארט [illegible] געטאסקעט · אונ בין אוים גיוועזן כמעט גאנץ אראפא · א[illegible] האב נאך גיוואלט פארין דער נאך קיין טירקייא :

אינדעם אבער בעפאר זיא האט נאך איר ערצייהלונג ניט גענדעט איז אונטער געקומען דער בעל עגלה · א[illegible] האט געמאן אבעשרייא געשווינד ארונטער מיר זיינען לעבין, עס גרויסען בארג אויף זייגעם באפעל זיינען מיר אלע ארוים פון בוידי · אונ מיר זיינען צוא פוס אריבער דעם בארג · דער נאך אלס מיר זיינען אריין אין בריקע וואר איך שוין מגולגל אין איינע אנדערע געזעלשאפט וואס איר געשפרעך וואר שוין ניט אזוי אינטערעסאנט וויא דער ערסטע - אונ געם אלזוא שוין אפ שייד פון דיר מיינע טייערע לעזערין :

---

1/68287

1.

## „איין אירטהום אדער טעות"

דיא וויכטיגסטע אונ אזוא גאר דיא גייטיגסטע קענטניס (הכמה) אין דער וועלט איז נור דיא וועלטקענטניס · דאס הייסט צוא פאר שטיין וויא אום צו גיין מיט מענטשין פון יעדער קלאסע · ווייל דיזער אומשטאנד (בענעהמען זיך מיט לייטען) איז בודק אין יעדען מענטשין זיינע פעהלערין וויא אמאל דיא מים המאררים דיא אלע זינדען פון יעדער פרויא וואס האט עס געטרונקען · דאהער יעדער מענטש וואס וויל נור שוינען זיין עהרע · דאס הייסט ער וויל פאר דעקין זיינע חסרונות (דען ווער האט עס ניט) מוז זייער בעהוטזאם זיין (אסטראזנע) אויף יעדעם שריט (טריט) דאס עס זאל זיך ניט ארויס ווייזען פון אים קיינע גייציקייט · קיין גראבהייט · קיינע אונוויסענהייט · קיינע דומהייט · קיין נארישער שטאלץ · הויפטזעכליך מוז מען בעהוטזאם זיין מיט דער צונגע · דען זייער אפט רעט מען זיך אונטער יונגער היים אנווארט וואס מען בעלייבט דורך אים בלאמירט (בעליידיגט) אויף אייביג יאר · למשל וויא עשו האט זיך אויס גערעט „הלעיטני נא מן האדום האדום הזה" וואס מען האט אים אנאמען געגעבין דארום „אדום" :

דער צוא נאך מוז מען שפרעכען דייטליך אונ קלאר מיט דעם אנדערין · דען אין דעם אום געקערטין פאל · דאס הייסט ווען מען שפריכט צווייא דייטיג · ליידעט מען דורך דעם זייער אפט אין געלט זאכען · אונ נאך מעהר אין גוף אונ אין נפש בפרט נאך אין שרייבען · דען ווער קען אויס רעכענען דיא סעקטען (כתות) וואס זייען ענטשטאנדען (געווארען) אין דער

וועלט

Дозволено цензурою 13 Марта 1874 года. Вильна.

וועלט נור דורך דיא צווייטייטיקייט פון דיא רעליגיאנס ביבער·
וואס דורך דעם איז ווידער ענטשטאנדען גרויסע רדיפות· אונ
גרויסע בלוט פערגיסונגען · אונ אזוא אויך דער גאנצער שנאת
הדת· דען זאנסט וואלטען פאר געווים אלע געהאט נור איין
רעליגיאן · ווייל יעדערער ליבט דאך איינע ריינע קלארע
ווארהייט · אונ ווארהייט איז נור איינע אין דער וועלט וויא
אין דער מאטהעמאטיק (מלאכת החשבון) איזט נור איינע גלייכע
ליניע (שטריך) פון איין פונקט צוא דעם אנדערין· אונ דאהער
זאגען אונזערע חכמים דאס זעלבסט אין אונזערע געבעטע צוא
גאט וואס פאר אים איז אזו גאר קיין געדאנקען פאר בארגען
וויא דער פסוק זאגט „כי אין מלה בלשוני הן ה׳ ידעת כלה״ דאס
הייסט דוא פאר שטייסט מיינע געדאנקען בעפאר איך שפרעך
עס נאך אויס מוזען אויך זיין ניט צווייטייטיג · דען זייא זאגען
„לעולם יפרש אדם צרכיו וישאל״ דאס הייסט דער מענטש
געהערט אויס צוא שפרעכען זיינע בעדערפענעס גאנץ דייטליך
פאר גאט נון וואס זאלען מיר שוין ריידען ווען מיר שרייבען
אדער ריידין פאר אמענטשין · אונזערע חכמים ברייננען נאך
דער צוא אשיינעם בייא שפיל אין מדרש אסתר „איין געוויסער
רייזענדער וואס וואר זייער שטארק ערמידעט פון דער רייזע
זיינע האט געבעטין גאט דאס ער זאל אים צוא שיקען
אפערדעל · דיזע געבעטע איז אן גענומען געווארען נור נאך
זיינע ווערטער אבער ניט נאך זיינעם וואהרען זינען דען עס
איז באלד אן געפארען אגרויסער הער וואס דיא שטוטע
(קלאצע) וועלכע עס וואר איין געשפאנט אין זיינעם וואגין
האט מוליד גיווען אזערעבציג · גאונ האט אים געצוואונגען
דאס ער זאל עס נאך טראגין הינטער דעם פארענדען וואגין·
אונ אזוא ווערט דער ציילט דאס אין טייצענלאנד האבין
צווייא נאבט ועבטער געלעבט אצייט אין גרוים שנאה צווישען
זיך נור איבער דעם וואס איינער האט ניט פאר שטאנען דעם

אנדערין



אנדערין אין איינעם אויסדרוק נור (אוואָרט) אין דער פארמעל
(נוסח) פון זייערע געבעטליכע אויס רופונגען אין דיא נאמין פון
שטאט איינער האט אויס גערופען פערוואהרט דאס פייער · אונ
דער אנדערער האט אויס געשריען בעוואהרט דאס פייער · דען
עס האט זיך איינען יעדערען פון זייערע ביידען געדוכט דאס
דער אנדערער שרייט אויס דעם הפך דער פון · אונ דיזעם
האט אזוא גערדויערט ביז איינער אגוטער גראמאטיקער האט
זייא ערקלערט דאס דיא ביידע נוסחאות האבין נור איינע אונ די
זעלביגע בעדייטונג „אסטאראזנא ס׳ אגניאם״ נון זיינען זייא
געווארען גוטע פריינד :

אויך ווערט דער ציילט דאס אלכסנדער מוקדון האט
בעלאזט צו זאמען רופען אמאל אלע כהנים גדולים פון אלע
אומות אונ האט יעדען בעזונדער געפרעגט וועלכען גאט דינט
ער אונ אלם יעדערער פון זייא האט גענענט איינען
אנדערין נאמען איז ער געווארען העכסט צארניג · אונ האט
גענעבין אבאפעל דאס זייא זאלען אלע נור איינען דינען ·
דאס הייסט זיינעם דעם „צעווים״ דאך האב דוא נאר אביסיל
געדולד האט זיך אפ גערופין צוא אים שמעון הצדיק וואס וואר
דאן דער אידעשער כהן גדול „ערלויב מיר צוא פרעגין בייא
זייא איינע אנדערע פראגע וואס דורך זייערע אנטווארטען וועט
וויא איך גלויבע פאר ענטפערט ווערין דיינע ערסטע פראגע ·
אונ דוא וועסט זיך שוין אנדערש בעזינען „איך ערלויבע עס
דיר״ „האט ער אים גיענטפערט· נון האט זייא דער שמעון
הצדיק געפרעגט וואס איז זייערע הויפט שפייזע אין זייערע
לענדער · אונ יעדערער האט גיענטפערט אלץ מיט איינעם
אנדערין נאמען למשל דער מייצעסער האט גיענטפערט
„ברוים״ דער רוסישער „חלעב״ דער העברייעשער „לחם״ נוא
גרויסער קעניג „האט זיך דער שמעון הצדיק אפ גערופין
„צירנע איבער זייא פאר וואס האבען זייא נים אין אלע

זיידע

זייערע לענגערע איינער לייא הויפט שפייזע „א דאס ניין" האט זיך דער אלכסנדער אפ געריפען „יא זייא געניסען ווירקליך איינערלייא הויפט שפייזע דאס הייסט ברויט נור יעדערער נעמט עס מיט אייגעם אנדערען נאמען „נון אזוא איז דער פאל אויך מיט דיא נעמען פון זייערע געטער" האט איהם דער שמעון ווייטער געזאגט" דען זייא מיינען געווים מיט זייערע פאר שיידענע נעמען נור דיא סבה ראשונה דאס הייסט דעם ווארען בעשעפער וויא אונזער נביא מלאכי זאגט „כי בכל מקום מוקטר מוגש לשמי ומנחה טהורה" נור מען האט שלעכט זיך צוא זאמען גירעדט" :

נאך איין נייער אונ לעבעדיגער בייא שפיל פון אזעלכע אונפערשטענדליכקייטען (נעדראזומענעס) וואר צווישן צווייא פערשוינען וואס איז געשעהען דא ניט לאנג אין אונזער שטאט לינאווע צווישע איונגען מאן אמשכיל פון מינסק אונ צווישען אהיגין שוסטער יאנקעלע דרייצען האר · אונ גיט גענוג שטאף (מאטעריע) צוא לאכען :

איין געוויסער יונגער מאן אמשכיל פון מינסק וואס זיין נאמען דארף דא פערשוויגען ווערען האט געהאט גרויסע פארליבע (אהבה יתירה) צוא דיא ווערקע (חבורים) פון אליגאהווער פאר פאסער (מחבר) ער פלעגט צוא בעצאהלען פאר זייא גאר דיא געלט פלעגט זייא זייער פלייסיג לעזין · דער צוא נאך גילאזט זייא זייער שיין איין בינדין אונ האט זיי גיגעבין די ערשטע שטעלע אין זייגעם גרויסען אונ נייעם ביבלאטיק · אונ האט אלזוא זיך געזעהנט (געביינקט) נאך איינער געלעגינהייט צוא קענען דיזען פראפעסער (מחבר) פערזוינליך אונ דיזע געלעגענהייט האט ניט גילאזט ווארטען אויף זיך אלאנגע צייט דען עס האט איהם געמאכט א געשעפטיל קיין לינאווע אונ איז געקומען אין איר בים אגרויסע התלהבות (בעגייסטערונג) וויא אחסיד צום רבי אויף ראש השנה האט באלד אפ געפארטיגט דעם געשעפטיל

אונ



אונ האט זיך באלד ערקונדיגט (דער נאגגען) וואו עס וואוינט זיין געליבטע פערפאסער אונ איז אוועק צוא איהם מלא שמחה דען וויא דער עולם זאגט האט ער גיהאט אויך אייגענע כתבים מיט זיך וואס ער האט גיוואלט ווייזען דעם מחבר אונ האט זיך גערעכט אלזו בעקומען פון איהם איין הסכמה · צום אונגליק האט איהם עפעס איינע אונפארזיכטיגע האנט גאנץ אירע געלייטעט (פערפיהרט) דען אלם ער וואר שוין ניט ווייט פון דעם פראפעסערס וואוינונג · האט מען איהם אויף זיינע נאך פרעגונגען נאך איהם אויף געוויזען אויף דיא וואוינונג פון אשוסטער יאנקעלע דרייצען האר וואס וואר הארט לעבין דער וואוינונג פון דעם פערפאסער (מחבר) אונ צו גלייך אויך אויף דעם יאנקעלען וואס ער איז גראדע דאן פון שטוב ארויס · דאס ער איז עס דער פערפאסער (מחבר) דער טייוועל ווייסט צוא מען האט עס געטאן מיט אבזיכט (בכיון) אדער אוים בלויזער אונפארזיכטיקייט גינוג דער מינסקער משכיל האט איהם אן גענומען פאר דעם פערפאסער פון דיא ספרים אין וועלכע ער וואר פערליבט איבער דיא אויערין אונ איז צוא איהם צוא געגאנגען מיט גרוים אכטונג האט איהם געריסט אין דעם נאמען פון אלע מינסקער משכילים אונ שטעלט זיך פאר אלס פאר איין גרויסער פערעהרער פון זיינע ווערקע „א פרייט עס מיך" האט זיך דער יאנקעל אפ גערופין · דאס מען איז צוא פרידין פון מיין ארבייט זעלבסט אין מינסק וואס מען איז נאך דארט אלט מאדעם דען מיינע ארבייט איז אלץ נאך דעם נייעסטען פאסאן אונ צווייטענס איז מיר אוואונדער וויא אזוא ווים מען פון מיר אז אין מינסק? „איי דאס זאלט איר מיין העד ניט זאגען" דאט זיך דער מינסקער אפ גערופען דער שפריך ווארט זאגט דיא ווערק מאכט בעריהמט דעם מייסטער אונ ווייטער האט איר אגאנץ פאלשען בעגריף אין אונזער מינסק מען איז שוין דארט ניט אזוא אלט מאדעם וויא איר

מיינט

מיינט׃ אונ צווייטענס וואס נור נוט איז געפעלט זעלבסט דיא אלט מאדעשע אויך׳ אונ בעסערעס פאר אייערע דוכט מיר דארף מען שוין ניט אין דער וועלט דען אלץ וואס איר נור מאכט איזט זייער שיין׳ קרעפטיג אונ צוא געמאסטען דאס יעדערער מיינט דאס איר האט נור אים געמיינט אונ פאר אים געמאכט׳ אונ וויא פיל האט מען עס געבראכט צוא אייך אין שטאט? א אגוזמע אפשר דרייסיג ערלייא" האט אים גיענטפערט דער מינסקער" מען האט עס, זאג איך אייך דארט צו צוקערט דען זייא געפעלען זעלבסט דיא געלאנטסטע פרויען וואס זייגען איין גענומען פאר דעם נייסטען געשמאק" איי דאס איז דאך גאר גישט האט זיך דער יאנקעלע אפ גערופען וויא איך פאר שטייא האבען זייא בעקומען נור מיינע מאנדעטנע ארבייט וואס איך מאך פאר דיא קרעמלעך וואס אייערע מינסקער האנדעלען מיט זייא אונ קומען אלזוא וויא טאג צוא נאכט צוא מיינע בעשטעלטע ארבייט" עס לאזען בייא אייך מאכען אויך די גרויסע מדפיסים פר זייער דרוק אויך „האט אים גיענטפערט דער מינסקער „איך פאר שטייא אייך ניט" האט זיך דער יאנקעלע אפ גערופען „ווען" מיינט איר „איך מיין דעם ר׳ הירש פיצעס אונ דעם ר׳ ישראל ישר" האט זיך דער יאנקעלע אפ גערופען׃ אשאלה האט זיך אפ גערופען דער יאנקעלע „וואס קלערט איר דא זייא געמען קיינע אנדערע ארבייט חוץ מיינע ניט אין האנט איך בין שוין קלאר אין זייער האד אונ מאך זייא שוין גאר אן אמאס אונ קען זאגען אויך אן אצאל דען זייא געמען בייא מיר צוא ארבייט וויא פיל איך ברייננע זייא דען זייא ברויבען זייער פיל" נון איז מיר אבער קשה וואס פרעגט איר אייך בייא מיר נאך גראדע וועגין דיזע צווייא מדפיסים איך מאך פאר אלעמען" ווייל דיזע צווייא מדפיסים שפילען אפרומע ראלע׳ אונ איר ארבייטעט צוא געלאנט אונ צווייטענס ווייל איך האב מיינע אקרובה וואס וויל טאן מיט דעם ר׳ הירש





שפיצעס דען ער איז ניט לאנג געווארען איין אלמן האב איך געוואלט דער ניין בייא אייך צוא איז עס ווארר וואס דער עולם זאגט דאס נאך דער ווייבס טויט אן שטייט ער אויף אשלעכטען פוס׃ דען ווער קען עס בעסער וויסען אלס איר׳ איר מעגט טאן סמיאלע „האט זיך דער יאנקעלע אפ גערופען" ניט ערגער זאלין שטיין אלע קיילעקעס׳ נור וויא איך ווייס פערשטייע איך שוין פון וואנען דיזער טעות וואקסט׳ עס איז דא בייא אונז אין ליבאווע נאך אדרוקער איין געווויסער העגדעל איצעס׳ אויך איין אלמן׳ ער שטייט יוא אויף אשלעכטען פוס׳. אונ דאך ארבייטע איך פאר אים עס קומט מיר דאס אן אפילו זייער שווער וויא איר קענט עס אליין פאר שטיין איך נעם אבער בייא אים טייערער דער פאר „געווים" האט זיך אפ גערופען דער מינסקער׳ ווייל איר דארפט ווארטען אונ אזו גאר מסופק זיין אין גאנצען מיט דעם גראסען וודאי איז אזוא האט אים יאנקעלע גיענטפערט „מיינע שונאים זאלין מאכען פאר אזוא אייגעם וואס שטייט אויף אשלעכטען פוס „נון לאמיר עס אוועק לייגין" האט זיך אפ גערופען דער מינסקער „דער ווייל פרייט מיך דאס איך האב זוכה געווען צוא קענען אייך פערזינליך׳ דען איר אליין ווייסט ניט וואס פאר אשם איר האט אין דער וועלט אונ איר פאר דינט עס טאקע׳ דען עס איז אפ געארבייטעט יעדער זאך זייער גוט אונ ריכטיג אונ דער צוא נאך זייער לייכט׳ מען דארף דאך דער צוא ווירקליך אקאפ „איר האט אטעות" האט ער גיענטפערט" עס איז זאל עס אייך דוכטען מעהר מלאכה אלס חכמה דאך אבער קענען עס מיר ניט אלע נאך טאן׃ ווייל מען ברויכט צוא האבין גרויסע געשיקליכקייט" בייא אלעם דעם וואלט איך וועלין וויסען פון וואנען האט איר געהאפט דעם שניט דער פון דען עס איז דאך גאר מאדנע" א דאס איז אויך ניט צוא בעוואונדערין׳ דען איך האב דיא נייעסטע זורנאלען׳ עס קאסט מיר אפילו גענוג געלט׳ עס איז

אבער אלעס ווערט» נון וואלט איך וועלין וויסען צוא געווערט עפעס ביא איך דיא ארבייט· אונ צוא גייט עס ארוים ריין פון האנד ביא דעם ערסטין מאל אונ דארפט עס גאר ניט אוים בעסערין איך אליין זאלט איר וויסען ארבייט גאנץ ווינציג · איך האב פינף געהילפען (פאמאצניקעס) איך שניידע צוא דיא מאטריאלען · אונ זייא טעבערין עס שוין צוא זאמען· אונ דער נאך זעהע איך עס איבער אונ פאר ריכט יעדען קליינעם פעלער «גאנץ שיין» האט זיך דער מינסקער אפ גערופין אזוא אויך פלעגט צוא טאן איינזענסי וואס האט דיא וועלט פאר פלייצט מיט זיינע ווערקע *) «א איינזענסי» האט זיך דער יאנקעלע אפ גערופין · נעווים האט ער אזוא געהייסען צו ליב דעם גליק שוך וואס ער האט אוים געטראכט **) «יוא דאס איז איין נוצליכעס אונ שיינעס ווערק» האט זיך אפ גערופין דער מינסקער ער האט זיך דער מיט אגרויסין נאמען געמאכט · נור נענוג דער פון · מיין גאנג איז איצונד נור צוא אייך איך וויל אייך בעזוכען · אום דאס פערגעניגען צוא האבען צוא זעהען מיט מיינע אויגין וויא דיזע געמליכע אונ איידעלע ארבייט גייט ביא אייך צוא דורך פרעמדע הענט· אגב וועל איך דאס גליק האבען צוא בעזעהען אייער נייע ווערק (ארבייט) «א זייער בעזוך» האט זיך דער יאנקעלע אפ גערופען איז מיר זייער ליב אונ טייער נור איצונד קען איך אייך ביט אויף נעמען ביא מיר· ערסטענס ווייל עס איז ניט

אויף

---

*) איינזענסי איז איין פריינצויזישער שריפט שטעלער (מחבר) ער האט געמאכט דיא געהיימניסע פון פאריז· דעם עווינגען יודע אונ נאך זייער פילע ווערקע:

**) איינע פון זייא הייסט אויך דיא גליצשיהע אין וועלכע עס איז בעקריטיקירט גאנצע וועלט· אונ האט זיך מיט איר איינעם גרויסען נאמען געמאכט:



אויף געראכט אין שטוב · צווייטענס ווערט איר איצונד ביא מיר קיין נייעס אויך ניט געפינען · אין אפאר טעג ארום אי"ה ווען איר וועט אייך וועלין בעמיהען צוא מיר דאן פאזאלע וועט זיין וואס צוא זעהען אונ דאן וועט איר זעהען וואס אאידעל קען» :

ווען אזוא האט זיך אפ גערופין דער מינסקער איך ווינצע צוא האבען דיא עהרע דאס מיר זאלען אריין גיין אין אסעדיל אויף אגלעזעלע ביר» דאס קענט איר ביא מיר זייער לייכט פועלין האט זיך דער יאנקעלע אפ גערופין הגם איך האב אפילו קיין צייט איצונד· נור ביא אונז גייט איין אלטער שפריך ווארט דורך אגלעזיל משקה בעקומט מען זייער אפט אגרויסע לאסקע» :

גערעט געטאן זייא זיינען אריין אין אסעדיל· וואס האט דארט געשוויבעלט אונ געגריבעלט פון גאס מענטשען איבער הויפט פון הויהעס וואס האנדלען מיט שטאריזנע ביותר מיט אלטע שוך ווארג אונ דארט האט דער מינסקער זיך ניט געקענט גינוג אפ וואונדערין איבער דיא עניוות פון זיינעם פערמיינטען פארפאסער וויא ער קוקט זיך מיט דיזע אלע לייטען מאכט מיט זייא אשנאפס נאך אשנאפס אונ בייכט צו דער צוא אבלינצע נאך אבלינצע אונ האט זיך מיט זייא פאר פלוידערט מער אלס איינע שטונדע» קיין חידוש» האט ער ביא זיך געטראכט «דאס דיזער מאן ווייס די כאראקטער זעלבסט פון דיא נידעריגסטע קלאסע מענטשין · ווייל מען זיי איין פאלקס שרייבער דאס הייסט בעשרייבין דיא זיטען אונ דיא ניטען פון דעם פראסטין נאראד · מוז מען האבען אגרויסען אומגאנג מיט דיזע לייטען · נאך מער געפעלט מיר זיין ערינבט דער ביא דאס זייא מערקען גאר ניט דאס ער פלאדערט זייא נור נון ער שפילט זיין ראלע זייער גוט· אונ דיזעס איז גאר אבאזונדער טאלענט (השלמה) יא עס האט געקאנט זיין איין

גוטער

גוטער אקטאר פון אים״ קודם דער פון דער מינסקער וואר אזו שטארק איינגענומען פאר אים דאס וויא נור ער איז פון דארט ארויס אונ האט אבשייד . גענומען פון אים · איז ער אוועק אויף זיין שטאנצע אונ האט זיך דארט אן דער ציילט פאר דיא איבעריגע אורחים הרים וגבעות פון זיינעם פערמיינטין פערפאסער (מחבר) ״מער פאר אלץ געפעלט מיר פון אים״ האט ער צוא זייא געזאגט דאס ער האט ביא זיינער ארבּיים. עטליכע געהילפען (פאמאצניקעס) וויא דער גרויסער פערפאסער (מחבר) איינזענטי · אונ וועט אזוא מיט דער צייט וויא ער פאר פלייצען דיא וועלט מיט זיינע ווערקע (חבורים) ״אונ איך פערשטייע עס ניט״ האט זיך אפ גערופען איינער פון דיא אורחים״ וויא קען מען האבין פאמאצניקעס צוא אזוא אזאך וואס ווערט געמאכט נור מיט דעם מוח ״אונ ווארום ניט״ האט זיך אפ גערופען דער מינסקער משכיל ער אליין מאכט נור דעם רים (ריסונעק אדער פלאן) פון איינער קריטישע ערצייהלונג *) אונ גיט נאך אויף דער צוא זייער פיל שטאף מאטעריע **) אונ דיא פאמאצניקעס ארבייטען שוין עס אויס זייער גוט ״אלזוא מוזען דאך דיא פאמאצניקעס״ האט זיך אפ גערופען דער אורח אויך זיינע געלעהרטע לייט ״גאנץ געווים״ האט געענטפערט דער מינסקער אונ האט אויך אפ גירעט מיט אים דאס זייא זאלען ביידע גיין צו זאמען צו אים בעזוכען אין דער אבגערעטע צייט :

אויף איבער מארגין האבען זייא זיך זייער שיין אויס געפוצט

---

*) קריטישע ערצייהלונגען ווערין אן גערופין אזעלכע ספורים וואס עס ווערט אין זייא געקריטיקירט (געשעגדעט) די שלעכטע אונ פאר דארבענע עדות פון איחיד אדער פון ארבים :

**) דיא הויפט ענינים פון וועלכע עס ווערט אין איינער פערפאסונג (חבור) גערעט ווערט אן גערופען שטאף :



געפוצט אונ זיינען זיך געגאנגען מאכין דעם אפגערעטען בעזוך ביא דעם פערמיינטען פערפאסער · זיינען ארייין אין פאר הויז אונ האבין אן געקלאפט אין טיר גאנץ לייזע (פאמעלעך) וויא דיא מאדע איז ביא דער היינטיגע וועלט *) אן שטאט אבער דעם געוואוינליכען פריינדליכען אנטווארט ״מיר ביטען אריין״ האט ארויס געדונערט אביזערענדע שטימע מיט איינער גראבע פראגע ״ווער דרייט זיך דארט צום שווארץ יארען עפעס וויא אן הענט זיינען זייא · טוט אנוטין שטופ דיא טיר וועט זיא זיך עפענען דען זיא איז ניט פאר שפארט״ זייא האבען דיזען בייזער אויף גענומען עפעס אזוא וויא האלב פערדרימליך דאך מיט פערצייהונג ווייל אין שטוב ווייס מען דאך ניט ווער דיא קלאפערס זיינען · האבען געטאן אשטארקין שטופ דיא טיר אונ זיינען מיט איר צוא זאמען אריין גיפאלין אין שטוב דאס זייא זיינען סיר נהרג גיווארין דען זייא זיינען געפאלין זייער הארט אונ דיא טיר אויף זייא · זייא האבען גאר ניט פאספייעט אויף צוא שטיין אונ צוא זיך צוא קומען פון גרוים שרעק אונ שמערץ האבין זייא שוין בעקומען אהייסין אויף גוס פון דער וויירטין · דאס הייסט פון דער שוסטערקע ״שומר ישראל״ האט זיא אן געהייבין צוא שרייען אויפין קול בעהיט זאל מען ווערין וואס זיינען עס פאר מענטשין עס איז אנגם וואס אקינד וואר ניט דער ביא זיינען ארייין געפאלין אין שטוב וויא שמעיה גוט יום טוב ביטער

---

*) דיא זיטע (מאדע) דאס מען זאל ניט אריין גיין פלעצליך אין אפרעמדע שטוב אונ אזוא זעלבסט אין איינעגע דאמיט מען זאל ניט אן טרעפען דיא הויז לייטע ביא אזוא אגישעפטיגונג וואס עס פאסט ניט איין אנדערער זאל זעהען · געפינען מיר שוין ביא אונזערע חכמים ז״ל אין מדרש אחרי (אמר ר׳ שמעון בן יוחאי ד׳ דברים הקב״ה שונאם כו׳ והנכנס לביתו פתאום ואצ״ל להוך בית חבירו) :

ביטער דורך דעם סבך אין דער סוכה„ צום אומגליק וואר דער
יאנקעלע דאן ניט אין שטוב · דען ער איז געוועזן דארט וואו
דער סלטאן גייט צוא פוס אונ האבין אלזוא ביז זיינעם צוריק
קומען פון דארט גענוג צייט געהאט אוים צו זעהען איר גאנצין
פריידיגט (דרשה) אונ צוא גלייך זיך ארום זעהען דאס זייא
זיינען אין אשטוב פון אסוסטער דען זייא האבין הער וואוסט
אסוסטערשין ווארשטאט מיט טאוואריכטווע אונ מער אלס
איינינע טוץ שטיוועל אונ האבין אלזוא געמיינט דאס זייא
האבין ניט געטראפין דעם רעכטען ארט דאך פון היער מיינונג
האט זייא באלד בעפרייט דיא ערשיינונג פון דיזעם יאנקעלען·
ער האט זייא געבעטין זיצען אונ האט אן געהויבין צו ווייזען
זיוא זיין ארבייט· מענסקע אונ זענסקע אונ האט געוואלט
מאכין מיט זייא איין דאגאוואר אויף איינינע טוץ: אלער האנט
שובווארג אונ ערסט דאן פאשאל תרח נא דרך דאס הייסט האט
זיך דער מינסקער אן געהייבין צוא שטויסען; דאס ער האט
אייער געכטין איין טעות גיהאט אונ האט אים גערעגט וויא
מען רופט אים „איך האב מיך גאט זייא דאנק גיט צו שעמען
מיט מיין נאמען„ האט ער זיך אפ גערופין· איך הייס דאכט
מיר אפילו פון דעם אייער געכטיגען געשפרעך אייערין מיט מיר
דארפט איר מיר זייער גוט קענען נור וואס מאכט עס, אוים·
בולקען פלאדערט מען ניט (עס איז דא ביי אונז אזוא
אשפריך ווארט) איך הייס ר' יאנקעל סוסטער אונ באסטע· דען
וואס האט עס צוא אונזער געשעפט ווען אזוא האט זיך אפ
גערופין דער מינסקער„ זיינען מיר געוועזן ביי אונזערין געכטיגן
געשעפט ביידע אין טעות· דען איך האב געמיינט דאס איר זייט
עס נור וואס מאכט עס אוים האט קיין פאר איבעל ניט אונ זייט
אייך געזונט אונ ערסט ארוים גייענדיג פון דארט אלס ער האט אן
געהויבען נאך צו דענקען איבער זייערען פאר געסטעריגען געשפרעך
האט ער זיך ניט געקענט פון לאכען איין האלטען איינינע טעג

נאך



נאך מער זיין טאוואריעס וואס איז מיט אים מיט געגאנגען:

## 2.

## „דער בורלאנטענער רינג„:

עס איז נאך קיין יאר דא דאס מיינער אגוטער פריינד
אלייטעשער מענטש אונ דער צוא גאנץ גוט אין שטאנד· האט
מיר דער ציילט אשיינע געשיכטע וואס עס האט מיט אים
פאסירט אלס ער וואר אין דער גרויסע שטאט (צ) אונ וועל עס
דער ציילען פינקטליך וויא איך האב עס אים געהערט ניט
מעהר אונ ניט ווייניגער:

אלס איך וואר אין דער גרויסער שטאט (צ) פון וואנען
איך בין אקארסט געקומען האב איך גייענדיג שפאצירין דארט
אויף דער נייע נאברעזשנע דער זעהען פון ווייטען וויא עס
פינקעלט אויף דער ערד איין בורלאנטענער רינג וואס וואר
געשארט דורך אשלעפ קלייד פון איינער שיינע קינדער
מיידכען (נאנקע) איבער דעם זויר אונ בין באלד מיט נאך
איינעם געלאפין צוא אים אונ איך האב פאספייהעט אויף צוא
הייבין פריהער פאר יענעם דען יענער וואר איין דיקער אונ פאר
געהמער הער ער האט מיך נור זייער ביסטרע אן געקוקט אונ
איז זיך אוועק זיין ווענס איך קען אנדערס ניט זאגין עס האט
מיך בשעת מעשה זייער געפרייט צוא געפינען אזוא אטייערין
רינג דען ער וואר ווערט מער אלס צווייא הונדערט דוקאטען·
אונ דאך האב איך ניט געמיינט צוא דער האלטען אים פאר
מיר איך האב מיך געפרייט דאס איך וועל האבען דער ביי
איינע גוטע געלעגענהייט צוא צייגען דאס איין יודע איז אויך
איין ערליכער מאן אונ האב מיך אלזוא באלד ארום געקוקט צו
זוכט עס ניט ווער אונ וועל עס אים אפ געבין באם ער וועט
מיר נור זאגין סימנים לידער אבער האב איך ניט איינעם
אנועלכין דער זיכט אונ בין מיך אזוא אוועק אהיים אונ האב

באלד

באלד געלאזט זעצין אין צייטונג דאס איך האב געפונען אטייערין רינג אונ בין גאטאוו אפ צוא געבין אים דעם יעניגין דער וואס וועט מיר קאנען אבליצען (איבער צייגען דאס ער איז זיין אייגענטהימער (דאס ער גיהערט אים אן) איך האב דער בייא אויך געצייכענט דיא גאס אונ דעם הויף דעם נומער וואו איך לאזירע אונ האב זיך נאומיסנע פערהאלטען דאריבער צוא הויז דאמיט דער אייגענטהימער פון דעם רינג זאל מיך לייכט פינדען דער ערסטער טאג איז זיך אוועק גאנץ רוהיג עס האט זיך ניט איינער געמעלדעט אונ אויף מארגין ארום אכט דעם זייגער מארגענס האט זיך געלאזט אן מעלדין צוא מיר איין פארנעמער אלטער מאן פון רייכען שטאנד איך האב אים זייער פריינדליך אויף גענומען האב אים געבעטין זיצען אונ האב אים געפרעגט וואס גוטס "איך מיין ליבער יונגער בראווער הער" האט ער זיך אפ גערופין מיט איינער טיפען פערבייגונג (פאקלאן) "בין עס דער אייגענטהימער פון דיעם רינג • נון ערלויבין זייא מיר מיינען גרויסען אונ הייסין דאנק ארויס צוא שטאמלען פאר אייך דען זייא האבין מיר ווירקליך איינען שווערין שטיין פון מיינעם געפרעסטין הערצין ארונטער גענומען מיט איהרע אביאוולענע אין דיא צייטונג איין יונגער מאן פון אייער אלטער (יארין) קען גאר נים שפירען וויא עס איז צוא מוטהע איינעם אלטען מאן ווען ער געפינט צוריק זיין פאר לארענעם קליינאד (צירונג) וואס עס איז אן אים פערבונדין זיינע יוגענד געשיכטע אונ פיליכט אויך זיינע ערסטע ליבע :

דיזע ווערטער האט דער אלטער געשפראכען מיט אזוא אנגעפיל • מיט אזוא אווארעמע דאנקבארקייט דאס מיין הערץ וואר פון זייא גאנץ ערווייכט אונ העכסט ערפרייעט דאס עס איז מיר בעשערט צוא צייגען אזוא אניפעליגקייט אזוא איינעם בראווען אלטען איידעלען מאן אונ אלס ער האט ארויס גענומען

פון



פון בייטעלע אפאר גילדין אום צוא בעצאלין מיר פאר דיא קאסטען פון דער אביאוולענע וואר איך שוין אין בעגריף (בדעה) אפ צוא געבין אים דיזען רינג • דאך אבער האב איך מיך באלד בעזאנען דאס איך זאל נאך ניט זיין מיט דער איבער נאבע (איבער געבונג) פון דעם רינג אזוא איבער איילט • "הערען זייא מיין הער" האב איך מיך אפ גערופען • "פאר נעווים ריידען זייא דיא ריינע וואהרהייט אונ האב ניט דעם קלענסטין פערדאכט (חשד) אויף אייך דאס איר מיינט מיך בעהיטע גאט צוא בעטריגען דאך קען איך בייא אזוא אזאך ניט איבער טרעטין דעם געוואוינליכען פאראדאק (ארדענונג) דאס מען זאל ניט אפ געבין דאס געפונענע צוא דעם אייגענטהימער בעפאר ער זאגט סימנים • אלזוא מוזט איר מיר פריהער זאגין וואס פאר אוואפען (הערב) איז אויף דיזעם רינג • "דיזער רינג" האט זיך דער אלטער אפ גערופין איז גאנץ איין פאך • ער האט קיין וואפען אונ בעשמוצען זייא ניט אלזוא אייערע איידעלע טהאט (מעשה) מיט פאלשע פראגען • גיבען זייא מיר נור דעם רינג אונ איך וועל זייא שוין ווייזען בעסערע סימנים אויף אים :

ווען אזוא מיין הער "האב איך מיך צוא אים אפ גערופין "איז דיזער רינג געווים ניט דער וועלכען איר האט פערלארין אונ זוכט אים דען דיזער רינג וואס איך האב האט גראדע יוא אהערב" ווען אזוא "האט זיך אפ גערופין דער אלטער דאס דער רינג איז מיט איינעם וואפען (הערב) איז עס געווים ניט מיינער אונ האט אייך אגוטין טאג דען איך מוז אים גיין זוכין אונ אין צייטונג לעזין פיליכט האט איין אנדערער אביאוועט דאס ער האט אים געפונען איך וואר בייא זיין אבשייד נעמען פון מיר זייער שטארק גערירט אונ האב אים זייער בעמיטליידיגט ווענען זיין טייערין אונ ליבליכען שאדען דאך אבער בייא מיינעם דורך לאזין אים דורך דער מיר האב איך אן געמערקט

 בייא

ביא אים פון הינטען אויף דער פאמילניצע בלאנדע האר אונ
אזוא הייסט עס ער וואר נור איונגער מאן אין אנראאען פארוק
וואס ער האט אן געטאן אום נור צוא בעטריגען מיך דאס הייסט
אום מעהר בריהיים אונ גלויבען צוא האבין ביא מיר אונ האב
זיך אלזוא געפרייט דאס איך האב מיך ניט געלאזט פאר פירען
פון אים :

אין עטליכע שטונדען ארום האט זיך אן געמעלדעט צוא
מיר איינע גלמליכע דאמע אגאנץ שיינע אסאבא הויך געוואקסען
זייער שיין געפוצט פארמירט מיט אגאלדענע ברילליע אויף
דער נאזע · איר גאנג אונ איר גאנצעס בענעהמען וואר וויא
איינע גרעפין ביא דעם אריין גיין האט זיא זיך מיט איינער
געצוואונגענע פריינדליכקייט אונ מיט גרוים שטאלץ געריסט ·
איך האב היינט געהאט דאס גליק צוא לעזין אין דיא צייטונג
האט זיא צוא מיר אפ געררופין "דאס זייא מיין הער זייגען דאס
דער גליקליכער געפינער פון אמייערין רינג · נון מעלדע איך
אייך דאס געשטערין האט עס פאר לארין מיינע אניכטע
(אפוועכטערס אמאכטער) גייענדיק שפאצירין מיט איהרע דרייא
איינקלעך אויף דער בערעזינע · זיא האט עס אלם ערב שטיק (ירושה)
פון איר זעליגען (פאר שטארבענע) מוטער אונ גרעכט זיך (קלעמט
זיך) דאהער דאפעלט אלם איין אנדערער וואלט עס פערלירען
וויל עס וואר דאך דיזעס איין היילעגעס אן דיינקען ביא איר ·
אלזוא מיין הער איז איך בעשערט צוא בערוהיגען אזוא איין
אונשולדיגעס קינד וואס איהרע אויגען שטילען איר ניט ביז
דיזער מינוט" · "יא עס איז אר" האב איך איר געענטפערט"
איך האב עס ווירקליך געפונען אונ מיין עס פאר געוויס ניט צו
פר האלטען פאר זיך · נור אפ צו געבין דעם ווארען אייגענטהימער
(צו וועמן עס איז ווירקליך) · אלזוא מאדאם בעווייזען זייא עס מיר
דאס נור דאס אייערע ניכטע איז עס אונ איך גיב אים אויף
דער שטעלע אפ אייך אין דער האנד "יא מיין הער" האט זיא

זיך



זיך אפ געררופין דייא האבין רעכט · אונ איך דאנקע זייא גאר
דער פאר וואס זייא גייען אזוי אום זיכטיג (אשטראזנע) דען זאנסט
וואלט איר עס שוין לאנג איבער גיגעבין איינעם אנדערין · דען
פאר געוויס בין איך אייך ניט דיא ערסטע וואס גיט זיך אן פאר
דיא אייגענטהימערין פון דעם רינג דאך דארפט איר דאך
האבין איין ריקזיכט (דאס הייסט איין זעהענעס) אויף אזוא
איין פערזין וויא איך בין · דען איר זעהעט דאך דאס איך
באנעהערע צוא דער פארנעהמסטע לייטע פון דעם היזיגען
אדעל · אונ ווערדע מיך געוויס ניט ערנידעריגין צוא וועלין ארוים
בעקומען אזוי אקלייניקייט פון אייך נור דורך בעטרוג · אלזו
געננוג מיין הער מאכט מיט מיר קיינע גרויסע אומשטענדע
(צערעמאניע) אונ פערלאנגט ניט פון מיר וויא פון איינעם פראסטין
מענטשין טויזענדע סימנים אדער עדות דאס דער רינג איז
מיינער · ווען איר זייט איין מאן פון באן טאן (דאס הייסט פון
עהרען) דארפט איר אים מיר באלד צייגען אונ בעגעניגען זיך
דער נאך מיט מיינעם "יא אדער ניין" :

"ערסטינס מאדאם" האב איך איר גיענטפערט איז עס
קיינע קלייניקייט דען ער איז איין גאנץ טהייערער רינג · אונ
דאהער איז שוין צוא זעהען פאר אוים דאס ער איז ניט דער רינג
וועלכען אייערע ניכטע האט פערלארען · אונ צווייטענס ווען
אויך איינע קלייגעקייט טאר איך אויך ניט אפ געבין וואו איר
וועט מיר ניט זאגען ווייניגסטענס איינען רעכטין סימן · זאגט
מיר לפחות וואס איזט אוים געגראווירט אויף אים ·" "די ווארהייט
צוא זאגין" האט זיא זיך אפ געררופין קען איך עס ניט זאגען ·
דען איך וויים ניט" איך האב אים ניט געטראגין נאר מיינע
ניכטע אונ זיא איז ליידער ניט געזונד -איצונד אונ נור דער
פון אונ דאהער מיין ליבער פריינד ווען זייא אנדערס ווירקליך
איין מאן פון באן טאן (פון עהרע) דארפט איר האבין איין זעהענעס
ביא אזוא אסלוציע אונ האבין צוא טרויען צוא אזוא איין

אסאבע

אסאבע ווי איך בין די גרעפין אנא פאצא פון בארבא טרויען זיא מיר דיזען רינג אן ביז איך וועל אים ווייזען מיינע ניכטע אונ ווען זיא וועט זאגין דאס ער איז ניט איהרער טראג איך אים אייך באלד אפ · אונ וואס איך זאג איינע קליינקייט מיין איך דאמיט דאס פאר מיינעם גראד איז דער טייערסטער רינג אויך איין קליינקייט אונ ווייטער ניט:

אונ ביי אלעם דעם האב איך איר גיענטפערט קען איך אייך דעם רינג ניט אן טרויען דען איך בין ניט אהיגער · איך קען דא נימאנדען אונ אלזוא האט ביי מיר קיינער קיין טרויען אונ גלויבען אונ קען אלזוא דעם רינג אהנע ריכטיגע סימנים ניט אפ געבין פיל בעסער אונ גלייכער צוא גילטין פאר איינעם גראבען מענטשין אלס פאר איין אונגערעכטין מענטשין · דען דאס רעכט איז ניט אפ צו געבין אמציאה אן ריכטיגע סימנים זאגין אונ דער צוא נאך מוז דער סימנים זאגער קיין בעטריגער זיין · דען אונזערע חכמים זאגין אויף דעם פסוק „עד דרוש אחיך אותו“ דוא זאלסט דאס געפונענע ניט אפ געבין ביז דוא וועסט דעם סימנים זאגער פריהער גוט אוים פארשטין צוא איז ער איין ערליכער מאן אונ באסטא:

ווען אזוא „האט זיא זיך אפ גערופין זייער ביין“ וועל איך מיך בעגיין מיט אייך זויא מיט אנראביאן · דען איך וועל מיין רעכטע אונ מיינע בעליידיגונג אויף זוכען דורך די פאליצייא אונ איז זיך אוועק פון מיר מיט גרוים פאר דרום אונ איך דאס גלייכין בין איך געבליבען צוא הויז זייער געקריינקט אונ האב אן געהייבין צוא פר שילטען די מינוט וואס איך האב אויף געהויבין דיזען רינג דען איך האב איין געזעהען דאס איך וועל דער פון האבען גרוים גיעפריאטנאסט אונ רוהען אונ דער צוא נאך בעליידיגונגען אונ פילייכט נאך אפ ראצעס אין דער פאליצייא:

איך האב זיך נאך ניט אוים געצוכעט פון דיזעם געקריינקטין

נישפהעך



גישפרעך מיט דער דאמע איז אן געפארין צו מיינע טרעפ איין פאעטאן (אקאץ) מיט אפאר סיוואקעס הינטין אויף די זאפיאטקעס איז געשטאנען אלאקייא אן געטאן אין אליווערע אונ איין יונגער הער געקליידעט ווי איין נייאדעשער גאלעטאן איז פון אים ארוים גישפרונגען אונ איז ארויף אויף מיינע טרעפ ווי אשטורעם מיט גרוים מוטהע אונ מיט גרוים שטאלץ איז אריין צוא מיר אין שטוב ניט געמעלדעטערהייט אצינאר אין מויל ווי געזאגט מיט ווינט אונ מיט רויך האט ארוים געשטאמעלט אהאלבין גוט מארגין · „פארדאן מיין הער“ האט ער זיך צוא מיר אפ גערופין · איך האב געלעזין אין ציימונג דאס איר האט מיין רינג געפונען אלזו האב איך אייך פאר שפארט די מיהע צוא ווארטען אויף מיר אונ בין געקומען צוא אייך אויף די פארעצקע פון מיינער מוטער ווי אויף איין שטורעם אונ לאזט מיך ניט לאנג ווארטען דען די פערד זיינען גאנץ פאר שוויצט אונ קענען זיך אלזו פערקילין:

גוט האב איך אים גיענטפערט איך גיב אים אייך באלד אפ נור זאגען זייא מיר דעם נאמען וואס איז געקריצט אויף אים אדער דעם וואפען (הערב) אויף אזעלכע קליינקייטין וואר איך קיין מאל ניט בעפראגט האט ער מיר גיענטפערט אונ נאך האב איך מיינעם לעבין קיין מאל צייט געהאט צו בעטראכטין וואס איין דומער האנד ווערקער האט וואס געגראווירט אויף מיינע רינגען אדער גאלדענע געשירע אונ פשיטא שוין ווען איך האב וואס צום געשאנק בעקומען ווי דיזען רינג · ניין מיין הער האב איך אים גיענטפערט · זייא מוזען מיר פריהער איינס פון דיא ביידע פארהער זאגין · ענטפער דעם נאמען אדער דעם וואפען ווי דיא געזעטצע · איך וועל אייך דיא ווארהייט זאגען האט ער זיך צוא מיר אפ גערופין עס האט ביי מיר דער גאנצער רינג אזוא אבאטרעף ווי דיזער ציגארין שפיץ פון עבען האלץ אונ עס וואלט מיר גאר ניט געלוינט איין ווארט צוא

ווערקסלען

געקלען מיט אייך פאר אזוא אבאגעטעל ווען ער וואלט מיר ניט געווען אב געשיינקט פון אפארנעמע דאמע וואס איך קען מיך ניט הייזען צוא איר אן דיזעם רינג און ווען איר וועט אייך מיט מיר לאנג שפארען דאריבער וועל איך אייך געבין אנדערע שמאכטעס פאר אים וואס זיינען פיל טייערער פר אים דען איך האב דיא כהורה גענוג: דאס וועט ניט גיין האב איך אים גיענטפערט דען דאס איז איין פרעמדעס גוט איך מוז דער גיין דעם רעכטין אייגענטהימער נוא גוט צייגען זייא מיר אים פריהער האט ער זיך אפ גערופין איך וועל אים אליין ניט געמען בייא אייך וואו איך וועל אים ניט דער קענען דאס ער איז ווירקליך מיינער דען זאנסט ברויך איך אים ניט דען איך האב פאר געווים פיל בעסערע רינגען פאר אים · איך ברויך נור צו צייגען מיינע דאמע דאס איך שעצע איר געשיינק און טראג אים אימער אויף מיין פינגער און דאך בייא אלעם דעם האב איך אים גיענטפערט קען איך אייך דעם רינג ניט צייגען און פשיטא שוין ניט געבין ביז איר וועט מיר זאגין וואס עס איז געגראווירט אויף אים און שוין זייא אם בעסטין דאס זייא זאלין ניט לאזין אייער פאר סיוואקעס צוא קילען זיך און פארען זייא צוא אייער דאמע אום צוא דער גיין פון איר וואס פאר איין וואפען האר געגראווירט אויף דעם רינג · א ווייהע איבער אייך שמוציגע יודען האט ער זיך אפ גערופין מיט גרויס צארין · איר פערשטייט אייך אזוא פיל אויף דיא ליבע וויא אקוא אויף דעם בלויען מאנטאג נוא וויא קען איך קומען צוא מיינער געליבטע פרעגען וואס וואר געגראווירט אויף דעם רינג וואס זיא האט מיר געמאכט צום געשענק · זיא וועט עס מיט רעכט האלטען פאר איין בעווייז פון מיינער קעלטע און גלייך גילטיקייט צוא איר פערזין דען זאנסט וואלטע איך איר פרעגענט פערגעודים בעטראכטעט פון אלע זייטען אום אבטונג צוא איר און איך וואלט שוין געוואוסט יעדען ריס אויף אים

און



און פשיטא בשון דעם וואפען (הערב) וואס איז אויף אים :

ווען איך פערשטייע מיך ניט אויף ליבע האב איך גיענטפערט פערשטייע איך מיך זייער גוט אויף מרוג און לוג און דער צוא נאך אויף רעכט און זייט וויסען דאס איר זייט שוין היינט דער דריטער בייא מיר אין שטוב וואס: ניט זיך אן פאר דעם אייגענטהימער פון דיזעם רינג און אלע האבין פערלאנגט דאס איך זאל אים אפ געבין נור אויף זייער ווארט אלזוא פאר געווים זיינען דאך שוין צווייא פון זייא געוויסע בעטריגער :

קורץ אום ער האט בייא מיר ניט אויס געפירט ער איז אוועק העכסט אויף געבראכט און מיך האט ער זייער שטארק געקרייגקט וואס דער דריטער שוין האלט מיך פאר אזוא דום דאס ער מעסט זיך אן אויס צו קאספערין פון מיר דעם רינג אן סימנים און בין אלזוא אויס גרויס אונמוט · ארין אין דעם נאךדראבען צימער · אום זיך אן צוא טאן און ארויס גיין אין גאס · איך וואר שוין אן געצויגען געהאלטען דעם שטאק אין האנד האט זיך אן געמעלדעט צוא מיר איין שיינעס מיידכען געקליידעט וויא איינע קינדער ווערטערין מיט רויט געווייניטע אויגין · איז מיר צוא געפאלין צו די פיס מיט איינער קלאגענדע שטימע דאס עס וואר הערץ גרייפענד: ליבער גוטער הערר „האט זיא זיך אפ גערופין צו מיר" האבען זייא מיטלייד מיט איינער ארעמע יתומה (ווייזע) פון טייערע עלטערין וואס איז אזוא וייט געקומען דאס-זיא האט געמוזט ווערין איינע קינדער ווערטערין · איך האב איינע דומהייט בעגאנגען פאר וועלכע איך לייד שוין מעהר אלס פיר און צוואנציג שטונדען דיא גרעסטע קוואלען (פייגעגונגען) פון וועלכע נור איר אליין קענט מיך בעפרייען איך האב אום צו מאכען אבעזוך בייא מיינעם אנגעליבטען אן געטאן אן מיינער דאמעס וויסען איר טייערסטין רינג און

האב

האב איהם גייענדיג אויף די נייע נאברעזעגאי פערלארין נון בין
איך אין דיזעם מעת לעת אהאלבער מענטש געווארען אוים
פורכט אונ קריינקונג (גראם) דען בעהיטע גאט ווען מיינע דאמע
וועט זיך דער וויסען פון דיזער געשיכטע בין איך אומגליקליך
אויף מיין לעבענס טאג דען איך וועל דעם שאדען ניט קענען
זיך אויס צאלען ציים איך וועל לעבין אונ וועל נאך אן געזעהען
ווערען דער צו אלס איינע אומעדליבע זיא וועט מיך פערגעווים לאזין
איין זעצין אונ וועל נאך בודאי אויך שמיץ בעקומען ווייל איך
האב עס אן איר וויסין גענומען אונ פערלייקען די זאכע אין גאנצין
וועט נאך שלימער זיין דען דאן אלס די זאכע וועט זיך מיט דער
צייט דער גיין ווערדע איך שוין מיט רעכט איינע דיבין (גנב)
הייסען · אלזוא געענדיגער העער וויא איך האב איצונד געלעזין
אין צייטונג דאס איר האט דיזען רינג געפונען אונ ווילט איהם אפ
געבין דעם דער עס פערלארין האט · בעט איך אייך דאס איר
זאלט מיר עס אפ געבין אין שטילען אונ וועל דער פאר גאט
בעטין פאר אייך אונ דאנקבאר זיין אייך ביז מיין לעצטין אטעם
צוא גידען זאגט בין איך גאנץ פערלארין :

גוט איך וועל עס דיר אפ געבין האב איך מיך אפ
גערופין צוא איר · נור זאג מיר וואס איז געצייכענט אויף דיזעם
רינג · פערצייהען זייא מיר מיין העער האט זיא זיך אפ גערופין
איר דארפט עס פון מיר גאר ניט פערלאנגען דאס איך זאל
עס וויסען איך האב איהם אין כה הכל געטראגין נור צעהען
מינוטין א מעכטע איך בעסער איין ביין געבראכין בעפאר איך
האב דיזען פערפלוכטעם בעזיך געמאכט :

וואס זאל איך דא פיל ברייען איהר גאנץ אונשולדיגעם
געזיכט דיא טיפע קומער וואס איז געלעגין וויא אין טרויער
וואלקין אויף איר איידעלען שטערין אירע רויט געוויינטע אויגין
אונ איר יא מערענדע שטימע דער צוא נאך איהר עלענדע צוא
שטאנד



שטאנד האבין אזוא וויים געווירקט אויף מיך דאס איך האב
בעקומען צוא איר טרייהייט אונ גלויבין אונ האב פערלאנגט
פון איר ניט מער דאס זיא זאל מיר אויף צייכענען דעם נאמען
פון איר דאמע אונטער וועלכע זיא דינט · אונ אלס זיא האט עס
גיטאן אונ דער צוא נאך אלס דער נאמען וואר מיר העכסט
בעקאנט אונ נאך מעהר אלס איך האב גענומען אין אכט איהרע
רייד וואס זיא האט געזאגט דאס זיא איז איינע קינדער
ווערטערין אונ האט עס פערלארין אויף דער נאברעזנאי וואס
דאס איז איינשטימענד מיט דער ווירקליכקייט (ווארהייט) וואר
דאן אלע צווייפעל (ספקות) אין מיר פערשטיקט אונ האב איר
אפ גיגעבין דעם רינג וועלכען זיא האט דער קאנט פאר איר
פאר לארענעם האט איהם געקושט געהאלדזט אונ דאס גלייבען
מיך אונ איז אוועק פון מיר העכסט ערפרייעט אונ אזוא וואר
איך אויך העכסט צוא פרידען דאס איך האב גערעטירט איינע
עלענדע יתומה פון דעם גרעסטין אומגליק אין דער וועלט
דאך דיזע צוא פרידענהייט מיינע וואר ניט פון לאנגען דויער
דען אויף מארגין האב איך בעקומען אבריף פון מיינעם
אבעקאנטין קריכט וויא צוא זאגין מיינער אגוטער פריינד אין
וועלכעם עס וואר געשריבען דיזע ווארטע געכטערין האב איך
געהאט דאס גליק אונ דאס פערגעניגען צוא זעהען אין צייטונג
דאס דוא האכט גיפונען ארינג אטייערין אלזוא זאלכט דו וויסען
איך האב מיט דרייא טעג צוריק לייפענדיג איבער דער
נאברעזינע צו דעם אייזענבאן פערלארין אטייערין רינג ארויפ
ציהענדיג מיין הענצקע פון דער האנט אום אן צוא גרייטין
געצאלט פארין בילעט דען איך האב נעפירכטעט דאס איך
וועל באלד פאר זאמען דעם צוג · ער אליין איז פון גאלד מיט
אטייערן בריליאנט פון צעהען גראט זיין וואפען (הערב) איז
איין געשאנגענע טער ארעם וואס האלט אין האנט איין האלבין
שווערדיל ווען ער איז אזוא איז ער מיינער אונ אלזוא גיב עס
קיינעם

מייגעם אנדערין אפ ביז איך וועל קומען שפעטצטענס אין נאך דרייא טעג ארום :

דיזער בריף וואר וויא איין פייל אין מיינעם הערצין דען איך האב בעקומען דורך אים איין דאפעלען פערדרוס׳ ערסטינס האב איך בידים אוועק גיגעבין דעם טייערסטען חפץ פון מיינעם אפריינד איינער בעטריגערין ׃ צווייטענס האט מיך פאר דראסין אויף זיך אליין דאס איך וואר אזוא דום צו לאזין זיך בעטריגין׳ נאך מעהר האט מיך געוואורימט (געטאצעט)! דער געדאנקען דאס מיין פריינד וועט מיך געווים חושד זיין דאס איך האב דעם רינג ביא זיך אונ וויל אים ניט אפ געבין אינ וואר אלזו אזוא שטארק געקריינקט דער פון דאס איך האב ניט געקענט רוהען אונ ראסען ביז איך האב דעם רינג דער גאנגען · מיין ערסטער גאנג וואר צו דער מאדאם פון דער קינדער ווערטערין אונ אלס דער דווארניק האט מיר געזאגט דאס עס איז שוין מעהר אלס צוויא מאנאטען דאס זיא איז אוועק געפארין · איך האב אן געהויבין ארום צוא לויפין איבער דיא יובלירער האב געלאזט מעלדין אין אלע קווארטאלען אונ אויף דעם דריטין טאג דאס הייסט אין דעם זעלבין טאג וואס מיין פריינד דער אייגענטימער פון דעם רינג איז געקומען צוא פארען האט אים איין פאליציייסקער פיסקאל דער קענט אויף דעם פינגער פון איינעם קארטען שפילער וואס דאס וואר דער דיקער הער וואס איז געלאפין מיט מיר צוא זאמען אום אויף צוא הייבין אים אונ אויף איינער שטריינגער שלעדסטווא האט זיך ארוים געוויזען דאס אלע פיר וואס האבין זיך געמעלדעט צוא מיר אלס אייגענטהימער פון דיזעם רינג ווארען נור אן געשטעלטע פון אים · קורץ אום איך האב דעם רינג אפ גענומען עס האט מיר דער ביא זייער פיל געהאלפין דיזער פריינד דער ווארער אייגענטהימער פון דיזעם רינג אונ האב מיך אלזוא פיל מעה געפרייט ביא מיינעם אפ געבין דעם רינג צוא דעם ריכטיגען אייגענטהימער

אלס



אלס ביא מיינעם געפינען אים אונ האב אלזוא דער פון פראפיטירט נור דאס וויא בעהוטזאם (אסטראזנע) מען געהער צוא זיין אין דעם אומגאנג מיט מענטשין אונ וויא ריכטיג איז דער מאמר (שפרוך) פון אונזערע חכמים (כבדהו וחשדהו) דאס הייסט מען געהערט יעדען מענטשין צוא עהרען דאך ניט גלויבען אונ טרויען גערען :

### 3·

איין געשפרעך צווישין צוויא מלמדים אקארעבעלניק אונ איינער עגונה אין איינער קאוונער בריקע :

נח׳ס תיבה אין מיניאטור (אין קליינעם פארמאט אדער פארמע) וואר אמאל יעדע קאוונער בריקע וואס איז געפארין פון ווילנא קיין קאוונא אדער פון קאוונא קיין ווילנא · דען וויא דארט ווארין איינגעשפארט אלערלייא חיות אונ עופות פון דער גאנצע וועלט אין איינעם איינגען ארט אונ עס וואר וואונדער איבער וואונדער וויא אזוא· זייא האבין צוא זאמען געהויזט · למשל אוואלף מיט אשעפס · אלייב מיט אציג · אקאדסון מיט אטויב אזוא ווארין אויך איין געשפארט אין יעדער בריקע אלערלייא פאסאזירע פון פאר שידענע קלאסען מענטשין וואס זייענדיג נאך אטריט פאר דער בריקע האבין זייא זיך ניט געקענט איינער דעם אנדערין אן זעהען למשל אחסיד מיט אמתנגד · אפרוש צווישען צווייא אשת איש · ארב מיט איינם מארעשען · איין אפיצער מיט אשנארער · אמגיד מיט אמיסיאנער · אגאלאנטאן מיט אפאר צייטינגען אידעל · אמויד מיט צווייא סאלדאטין אונ דאך האט איינער מיט דעם אנדערין איבער דיא גאנצע רייזע צייט זייער גוט הארמאנירט (געלעבט אין פרידען) אונ זייער אפט פלעגט אין אזוא אבריקע אויס זעהען וויא אין אקליין שטעטיל דען עס פלעגין זיך דארט פערצופאל געפינען חזן באם זינגער אמגיד אשמש אפרנס חודש אפאר פערד

גנבים

גנבים עטליכע קרעמער צווייא דרייא מלמדים עטליכע ווייבלעך מיידלעך אונ דער צוא נאך אפאר אידעשע דיסאטניקעס אויך אבדהן מיט אפאר כלזמר אונ יעדערער האט גערעט אלץ פון זיינעם קרייז דאס הייסט וואס אים אנבעלאנגט איז· אין אזוא אקליין בעוועגליכע שטעטעלע האב איך זעלבסט מיינע טייערע לעווערין פערלעבט ביי שלעכטער וועג אטאג דרייא אונטער די טיראנישע רעגירונג פון צווייא בעלי עגלות וואס האבין אונז איין געפאקט אין בריקע וויא גענז אין אשטייג אונ דאך וואר יעדערער איין געזעצט נאך ראנג אונ ארדענונג דאס הייסט ווער עס האט געצאלט טייערער איז גיזעסין אלץ טיפער אין בויד אויך האבען זייא זיך מיט אבזיכט (בכיון) אפ געשטעלט מיט אונז אין אזעלכע קרעצמעס וואס מען האט בעריסען די פאסעזירער גאר אן רחמנות· אין איינער פון דיזער קרעצמעס האט ביי מיר גענומען פאר אפראסטין שנאפס וואס האט זיך נור אפ גיגעבין מיט בראנפין אונ פאר אקליינע אוגערקעלע וואס ביי אונז קויפט מען עס הונדערט פאר דרייא קאפייקין· גאנצע אכט קאפייקען· אונ אלס איך האב די שינדערין איך מיין די קרעצמערקע געפרעגט ווארום נעמט זיא אזוי אגרויסין פרייז האט זיא מיר גיענטפערט דאס אוגערקעס איז ביי זייא אין גאלד גלייך דאס הייסט זייער טייער· ווען אזוא האב איך מיך אפ גערופין זאל גאט געבין דאס עס זאל וואקסין אוגערקעס ביי אייך אין קרעצמע אונ מיין ברכה איז אונגעזאמט מקוים גיווארין דען עס איז באלד געווארען די אייזענבאן אונ אין קרעצמע איז איצונד אגארטען:

נון צוריק צוא אנזער ערציילונג פון הונגער קען דער מענטש עסען אצאן פון אבראניע אונ פון לאנג ווייליע הערט מען זיך איין זעלבסט דעם געשפרעך פון די דומסטע מענטשין אונ אזוא וואר דער פאל דאן ביי מיר אויך דארט אין בריקע מיין אומגעבונג (קרוזאק) וואר דאן צווייא מלמדים איינער

אציוסקעד



אייזעקער ר׳ הערשעל טריינעס דער אנדערער ר׳ עוזר צינעקעס פון קאזנא איין קאראבעלניק ר׳ קאפיל מירקעס אונ אאידענע איין עגונה פון איאר פינף אונ פופציג זיא וואר עלטער אלס זיא וואר אלט אונ וויא עס ווייזט אויס איז זיא קיין מאל ניט שיין גיוועזן דער צוא נאך אשטיקעל הויקער מיט רויטע אויגן· דיא צווייא פעלערין וויא זיא האט דער נאך אליין דער ציילט האבען זיך אויף געהאדעוועט מיט איהר· פון איהרע קינדהייטען אונ דאך האט זיך ביי אונז אידן געפונען אויף איר אבאלען דען זיא וואר דאך פערשלייערט· דאך ביי אונז אידען איז עס קיין וואונדער דען עס זיינען דא נאך מאנכע זאכען וואס אקריסט נעמט עס ניט אין האנט אונ ביי אונז אידען זיינען זייא העכסט נאנגבאר אזוא למשל אספר וואס עס פעלט אין אים פון פארענט אונ פון הינטען אונ אין מיטען צו ריסען אונ געפלעקט דאס ער איז ממש וויא אמעסער אן אשטיל וואס עס פעלט אים אקלינג איז ביי אונזערע מוכרי ספרים נאך אגוטע שטיקעל סחורה וואס עס לאזט זיך זייער גוט סאחערען מיט אים אונ אזוא אסיגנאציע; וואס זיא איז צו ריסען צו פלאטערט צו זאמען געקלעבט אויף אפאפיר דער צוא נאך אווארשעווער איז זיא נאך ביי אונז אידען עובר לסוחר פאסירט פון האנט אין האנט אונ דער זעלביגער פאל איז אויך מיט אמיידעל אקיילעקע וואס ביי קריסטען וואלט איר קיין מאל ניט ארויף אויף דעם געדאנקען ניט איהר ניט איהרע עלטערין אונ פשיטא שוין קיינעם פרעמדען דאס זיא זאל זיך פערהייראטהען אונ בלייבט זיך אלזוא זיצען איר גאנצען לעבין אונ ביי אונז אידען איז גראדע אומגעקערט וואס מער קייליקע זיא איז האט זיא אלץ גיכער חתונה דען עס מישען זיך אריין באלד פרעמדע פרומע ווייבער מען שטראפט די עלטערין דאס זייא זאלען איר שוין חתונה מאכין דער צוא נאך איז זייער לייכט צוא טאן מיט איר אשידוך ווייל מען זוכט ניט פאר איר

אוים

אוים דיא קרוין פון דער לאמענאציע מען בענוגענט זיך מיט איין ארעם בחור אונ דאס באקומט מען צעהען פאר איינעם אין דעם מינדערסטען קלייזיל ״איז זיא דער צוא נאך איתומה איז נאך בעסער דען דאן טרייסעלט מען אוים דיא פושקעס פון הכנסת כלה מען קאלעקטירט (מען מאכט נדבות) אונ זיא ווערט אוייבעל גיך אונ באלד איז דער חתן בעקומט פאר נדן אגוטע פאר קליידער קריינקהייט אונ דלות · אונזערע ״געלען״ דען אזוא האט זיא געהייסען האבען וויא עס איז פון אירע רייד ווייטער ארויס צוא זעהען האבען ביידע חתונה געמאכט דאס הייסט אירע עלטערן אונ פרומע ווייבער אונ איז געווארין אגרושה אין דעם יאר נאך איר חתונה אונ איז אמאל געבארען געווארין וויא זיא האט אליין געזאגט אין ווילנא · אלזוא גענוג מיינע טייערע לעזערין דען איך האב דיר שוין גאנץ גענוג בעקאנט געמאכט מיט דיזעם קליינעם קרייז (קרוזאק) וואס האט מיך דאן ארום געקרייזט דארט אין בריקע אום ריבטיג צו פערשטיין זייערען דאמאליגען געשפרעך וואס זייא האבען דאן געשפראכען זייער פרייא ווייל זייא האבען געמיינט דאס קיינער וועט עס זיך גאר ניט איין הערען · אונ צווייטענס ווארען דאן ארום זייא אלץ קריסטען וואס פערשטייען קיינע אידעש נור איך איין איד וועלכען זייא האבען אויך געהאלטען פאר אקריסט ווייל איך וואר דאן ארום געוויקעלט אונ אן געטאן אין פאדראזנע קליידער אונ האב אוים געזעהען וויא ארושיסער פריקאשציק אונ ווערדע מיך אלזוא אום קערען צוא אונזער ערציילונג וואס זיא בעשטייט נור אין מיינעם איבער טראגען פאר דיר זייערען לעבערליבען געשפרעך :

״בן וואנען איז אאיד״ האט זיך אפ גערופען ר׳ הערשעל ציוסקער צוא דעם ר׳ עוזר צינקעס · איך בין גאר אין גרונט אזאמעטער האט ער אים גיענטפערט · דען איך בין געבארען אין סעלאנט אונ חתונה האב איך געהאט מיט דער

ערשטע



ערשטע ווייב פון קראטינגע דער נאך בין איך געווארען איין איידעם אין פאקראי אין פאלאנגע אונ נאך אין אנדערע קליינע שטעטלעך אבער אלץ אין זאמעט דען דארט איז נאך אמקום תורה אונ ווער עס וויל בלייבען בייא דעם לערנען זאל זיך נור דארט אפ שטעלען · נור פון איאר צעהען שוין בין איך געווארען אקאוונער תושב · אונ וואס איז אייער מאן דארט האט אים דער ציוסקער ווייטער גיפרעגט · וואס פאר שטייט איר דא ניט האט ער אים גיענטפערט · קיין פאדראציק איך בין אמלמד · יענע יארין האב איך גילערינט מיט תוספות אונ מהרש״א קינדער דען איך בין אאיד אזואול לערנער אונ וואר . אמאל אלס עס האבין נאך געגאלטען עילוים דער גרעסטער חתן פערהערער מען פלעגט זיך צוא שלעפען צוא אפאהערענעם פאר צוואנציג פאר דרייסיג מייל איצ פלעגט זיך ניט קענען אפ טרייסלען פון דיא בעלי בתים וואס האבען געוואלט ניט אנדערש דאס איך זאל לערנען מיט זייערע קינדער · אונ וואס איז היינט האט אים גיפרעגט ווייטער דער ציוסקער טועענדיג אגוטען שמעק טאבאק · היינט מיין פריינד האט אים דער עוזר צינקעס אפ גיענטפערט האט זיך דיא וועלט אין גאנצען אום געביטען אדער בעסער צוא זאגען גאר קיין וועלט דאס אזוא אאיד וויא איך האב געמוזט ווערען גאר אמקרא דרדקער מלמד ווייל גרעסערע קינדער האבען גאר אויף געהערט צוא גיין שוין אין דיא חדרים אונ אגמרא למדן האט אפנים וויא איין אוים כאדעשער מענטש ער האט בייא דעם נייעם דור גאר קיין צורה ניט :

איי זאגט עס ניט האט זיך אפ גערופין דער ציוסקער אין מחשבותען וויא רופט מען אייך · איך הייס האט זיך אפ גערופין דער קאוונער ר׳ עוזר צינקעס אין מיינע אינגערע יארען האט מען מיך גערופין ר׳ עוזרקע דיא איזערנע קאפ אונ היינט ב״ה הייס איך שוין פראסט עוזר דער מקרא דרדקי-מלמד

אפאכקודע

אפאסקורנע וועלט פון חלשות· איי זאגט עס ניט האט זיך
ווידער אפ גערופען דער ציוסקער דאס איז מער ניט וויא אין
אייער קאוונא וואס האבען זיך אן געשלעפט אין איר דיא
זאגרעניצנע אפיקורסים מיט זייערע נייע ביכלעך אונ פאר פירען
דעם עולם פון דער רעכטין וועג· בייא אונז אין ציוסק איז גאר
איין אנדער וועלט בייא אונז גייען נאך באלעבעשלעך אין
הדר· פאר איין עילוי גיט מען גאר דיא געלט· דא ניט לאנג
האט מען בייא אונז איינעם עילוי גיפלעט הונדערט טאטעס
פון הונדערט מיידלעך האבען גענומען נומערין צו צעהען גילדען
אנומער· עס ווארען אונטער זייא אזויגאר אויך אביונים וואס
האבען משכנות פאר זעצט וואס איז עס האט זיך זייא געוואלט
האבען איין איידעם ארעכטם אונ דער אויבערשטער האט טאקע
געהאלפען דיא ערליכע דעה דען עס האט אים געוואונען זאג
איך אייגע ארעמע אלמנה פאר איר בוזינקע אונ דאס איז
געווים נור וויל זיא האט זייער ליב תורה אונ איז אזוא גאר
בדלות געווארין צוא ליב דעם· זיא האט פינף טעכטער
געהאט· האט זיא שוין פירען התונה געמאכט מיט לומדים
וואס קנעלען אין דיא גרעסטע שטעט האט איר מער ניט וויא
דיזער עילוי גיפעלט צום רומעל אונ דער אויבערסטער האט
איר צוא געשיקט אונ איך האף צוא דעם לעבעדיגען דאס
ציוסק וועט זיך אויף אימער אזו בלייבען פרום דען אין אונזער
שטאט קומט ניט אריין הלואי ווייטער קיין טרויף פסול קיין
נייע מארעשער ביכעל אויך איז ניט צוא זעהען קיין תנ"ך
כמעט אין גאנץ שטאט אונ ווער רעט שוין פון לערנען תנ"ך
איר זאלט וויסען דאס איך בין אויך אבלמד איך קנעל שוין
איאר דרייסיג אונ נאך האב איך מיט זיינער הילף ניט איין
פסוק תנ"ך גילערענט מיט דיא קינדער מער ניט וויא גמרא אונ
גמרא אונ ווייטער ניט אונ אזוא האב איך אליין אויך קיין
מאל קיין פסוק גילערינט אונ דאך בין איך בעהאוען. אין

גאנץ



גאנץ עשרים וארבע דורך די פסוקים וואס קומען פאר אין דר גמרא:

נון זאגט מיר וויא הייסט איר. האט זיך אפ גירופין דער ר'
עוזר ציגקעס· „איך הייס ר' הערשעל טריינעס" האט ער אים
גיענטפערט·אזו איר זייט ר' הערשעל· האט זיך אפ גערופין דער ר'
עוזר ציגקעס" איר זייט דאך עפעס אשם דבר· איז מיר אחידוש
דאס איר קנעלט ניט עפעס אין אגרעסערע שטאט· א זאל זיין
מיינע שונאים אזו אדאגה מיט קדחת וויא מיר וואלט גיוועען אדאגה
צו האבין אקנעלונג אין דער גרעסטע שטאט ווען איך וואלט נור
גיהאט גיזונד· אונ וואס פעלט. אייך האט אים ווייטער גיפרעגט דער
ר' עוזר ציגקעס· איך בין ניט פאר אייך גידאכט קראנק אויף דיא
מלמדעשע זאכין· געווים אויף מרידען· אדער אויף אנדערע
זאכין· האט ער אים ווייטער גיפרעגט· פשיטא האט ער זיך אפ
גירופין דאס האב איך ערשט איאר צעהען בעקומען· אפנים וויא
איך האב מיך גימוזט דאס אן מאכין בייא דעם עמוד· דען איך
בין אמתפלל אויך· עס וואר אין דעם יאר פון דר קליידער גזרה·
דאס הייסט אלס עס איז גיקומען דער אוקאז דאס מען זאל זיך אן
מאן נויעסק· ניט איין בעל תפלה איז גיווארן אין יענעם יום נוראים
אקיילעקע דארויף· אנדערע זייען נאך געווארן דר צו נאך הייזעריק
וויא דיא חאנט· אונ קענען נאך עד היום קיין מויל עפענען· דען
מען האט גישריען וויא אין אמאנהויז· אויך האט יענער יום נוראים
געשאדעט פיל זאגערס אונ מגידים וואס האבין צו ריסין זייער גאל
זאגענדיג וויינענדיג מען קען אנדערש ניט זאגין עס איז אוועלט מיט
צרות אונ ווייטער ניט· אונ דא איצטר אלס מיינע פעלערין האבין
מיך זייער שטארק צו געקוועטשט, בין איך גיפארין קיין ווילנא זיך
דאקטירין האבין זייא מיר אלע גיזאגט בפה אחד דאס איך טאר שוין
גאר ניט קנעלען· נוא וויא הייסט עס בייא אונז אידין ניט מארין
מען גיפינט זיך דאך באלד אהיתר· אונ וועל קנעלין פאטאיעמנע·
דען פון וואגען אנדערש קען לעבין אזו אאיד וויא איך· אונ
שוין אלזו בלייבין אין מיינעם העק אין ציוסק" -

אוי אוי ] „האט זיך אפ גירופין דער ר׳ עוזר ציּנקעס„ אונ איך וועל מיינט איר לאנג דויערין זייענדיג אמקרא הדקי מלמד · דען מיט קליינע קינדער איז הונדערט מאל שווערער צו קנעלין אלס מיט גמרא קינדער · דען איך האב דא דיא זעלביגע יסורים וואס דער שטן האט גיהאט מיט דעם איוב · דאס גאט האט אים גיהייסין אן צו טאן דעם איוב אלע יסורים אין דער וועלט אונ ביי דעם זאל ער אים דער האלטין דיא נשמה זיינע אין גוף · וואס דארויף זאגין אונזערע חכמים · דאס דורך דעם האט דער שטן גיהאט פיל מער שמערצין אלס איוב אליין דען דיזער פאל איז ביי מיר אויך · איך מוז לערנען מיט דיא קינדער חומש · תנ״ך אונ פסוק : אונ מוז מיך איין היטין דאס די קינדער זאלין ניט ווים קיין טייץ ווארט · ווייל דיא טייצערייא פירט אראפ זעלבסט אדערוואקסענעם מענטשין פון וועג פשיטא שוין אקינד · אונ דאהער זאגט דיא גמרא טאקע (מנעו בניכם מן ההגיון) דאס הייסט וויא רש״י מאכט דארט דאס מען זאל קיין פסוק לערנען · דאהער איז מיין סדר הלמוד מיט זייא ניט וויא ביי אנדערע מלמדים : דיא שוטים · איך לערין ניט מיט דיא קינדער דיא פסוקים גופא הלילה · איך לערין מיט זייא נור דיא אוים דייראכץ פון רש״י אליין · פון דעם בעל הטורים · אונ פון פנים לערין איך ניט מיט זייא קיין ווארט אונ אזו גייען זייא ארוים פון מיר קלאר כמעט אין גאנץ עשרים וארבע ניט וויסענדיג אזו גאר איין פסוק אונ בלייבין זיך ערליכע אידין אונ דיזער דרך לערנען קאסט מיר אבער נאר דיא געזונטהייט · דען דיא אוים דיירעכץ איז צעהען מאל מער אלס דער פנים אליין · אמת מיינע בעלי בתים גייען אוים פאר מיר · אונ זאגין בפה מלא ווען זייא וואלטין געהאט צו צוואנציג אינגלעך וואלטין זייא צו קיינעם אנדערין גיגעבין :

„נון זאלט איר אזו לעבין אונ איך„ האט זיך אפ גירופין דער קארעבעלניק קאפעל מירקעס דאס מיין איידעם זאל געזונד זיין לערינט אויך מיט דיינע קינדער אויף דיזעם גאנג · גאר קאפענע אזו וויא ער וואלט זיך מיט איך צו זאגין גירעט · ער פאר טייצט

זייא



זייא ניט כמעט קיין ווארט · ער לערינט זייא אים נור דיא אוים דיירעכץ אונ ווייטער ניט · אונ איז דאהער ביי אונז אין שטאט דיא קרוין פון דער לאמענאציע אונטער דיא מלמדים אונ האט אלזו דיא בעסטע קינדער פון שטאט :

אונ פון וואגען איז אאיד „האט אים דר עוזר ציּנקעס גפרעגט · איך בין אליין פון שטרעלעץ · האט ער אים גיענטפערט נור פון אזאר פופצעהן וואוינע איך אין ציוסק אונ הייס ר׳ קאפעל מירקעס אויף דעם נאמען פון מיין ערסטע שוויגער וואס האט עליה השלום גיהייסין מירקע · אונ וויא רופט מען אייער איידים האט אים דער ר׳ עוזר ציּנקעס ווייטער גיפרעגט · מיין איידעם זאל געזונד זיין האט זיך דר קאראבעלניק אפ גירופין מיט שטאלץ הייסט חיימציג באבונער · פאר דער חתונה האט מען אים גירופין דער באבונער עילוי אזו וואס איך הער האט זיך אפ גירופין ר׳ עוזר ציּנקעס „ער וואר דאך ביי אונז אין קאנגע איין ארעם בחור · ער איז טאקע אגאנץ וואוילער גיוועזן · איך קען אים גאנץ גוט · איך וואר מיט אים עטליכע מאל צו זאמען אויף וואכנאכטין · אויך האב איך אים גילערינט מיט דיא קינדער פון יענע בעלי בתים וואו ער האט טעג גיגעסין · איך גיב קיין צווייא שילינגער דאס דער יונגאץ האט גיהאפט דעם שנית פון מיר אין קנעלין · דען ער פלעגט צו זיין ווייטער אפט ביי דעם פאר הערין · נון איז מיר אוואונדער וויא אזו ער האט זיך פאר וועלגערט צו אייך · אוי איך האב אים אצייט געצאטעוועט פאר מיין מיידעל · אונ דער שייגעץ האט זיך ניט גילאזט נעמען ער האט גיוואלט געלט · אונ איך האב פיינט צו זאגין ער איז ווערט געלט נון זאל אייך גאט העלפין מסתמא האט איר דעם גראסין · האט זיך יענער אפ גירופין · אונ פילייכט איז ער אייך בעסערט ·

עס איז טאקע מער ניט וויא בעסערט „האט זיך אפ גירופין דער קארעבעלניק„ ער קאסט מיר ניט אגראסין ערסטינס בין איך אגעמיינער מענטש · אויך אקארעבעלניק נור · צווייטענס ווען איך וואלט אפילו גיהאט אונ וואלט וועלין געבין וואלט איך אויך ניט

געקענט

גיקעקנט געבין ווייל זיא איז פון דער ערשטע ווייב וואלט דיא שטיף מוטער ניט צו גילאזט · דריטענס וואלט איך אליין אויך ניט וועלין געבין · איך האב גאט זייא דאנק אכט שטיקלעך זאלין לעבין און גיזונט זיין פון עטליכע ווייבער · און האב זייא וויא געזאגט אלעמען געפאטערט מיט הילע הענט · מיינע אינגלעך האדעוועט אוים ווילנא זאל שטיין ביז משיח צייטען · דען וויא זייא ווערין אלט אכט ניין יאר שיק איך זייא אפ אהין · און דארט לאזט מען זייא שוין ניט שטארבין פאר הונגער · דען ווילנא איז אאידעשע שטאט · עס זיינען דא פיל קלויזין · פילע פרומע ווייבער · קורץ עס איז דא ווער עס זאל רחמנות האבין · אגב שטייא איך אליין אויך ניט פון ווייטין דען ווען איך קום קיין ווילנא בעשטעלע איך יעדערין אטאג ביא מיינעם אקונד מיט וועמען איך האנדעל · דאס הייסט ביא דיא קרעמער ביא וועלכע איך קויף איין מיינע גאלאנטעריע זאכין · און ווערין זיך אלזו מיט דער צייט מענטשין · דאס הייסט איידעלאך על פי רוב ביא בעלי מלאכות גייען זיך ארוים אפילו באלד פאר זיך · און ווערין זיך שטיקלעך בעלי בתים · צווייא קעלין זיך שוין דארט און האלטין הייזער מיט שכנים · אדריטער שנייט זיך אויף אסרטור · דער פערטער עסט נאך טעג אקלוגער אינגעל :

וואס טוט מען אבער מיט דיא טעכטער · האט אים דער ר׳ עזר ווייטער גיפרעגט · היינטיגע צייטען איז דאך מיט אטאכטער אדלות · וויא ניט געבענדיג נדן · און וויא זיך די הענדע פר בינדין מוז דאך אלץ קאסטין ארובעל הונדערט · האט זע מיר קיין פאר איבעל ניט האט זיך אפ גירופין דער קארעבעלניק · איך ווייס אפילו דאס איר זייט אאיד אגרויסער למדן · דען מיין איידעם האט מיר זייער פיל דער צילט פון אייך · איר זייט דאך אבער נור אמלמד · און אמלמד בלייבט אמלמד · איר מיינט וויא דיא אלטע נארין אז מען מאכט אמיידיל חתונה דארף מען אמווייניגסטען פריהער אוים קליידין און איך טוא אנדערש איך קליידע מיך פריהער אוים · מאך מיר אנייע קאפאטע · אפאר שטיוועל · קויף מיר אנייע היטעל · און

פאר



פאר אוועק אין אגרויסע שטאט · און פאר פאר דארט אין אשיינע אכסניא און לאז ארוים אפאנגלאסקע דאס איך דארף מאן אשידוך מיט אטאכטער · עס קומען באלד דאן צו מיר אשטייע נאך אשטייע שדכנים · דען דיזע לייט שמעקען זיך אום אין דיא טירען פון דיא אכסאניעס וויא דיא הויהעס (דאס זיינען אזעלכע שטאטיגע קארעבעלניקעס) איך גיב מיר זיך אוים פאר זייא פאר אנגיד · אדער אם ווייניגסטען פאר איוסטען באלעבאס וואס האט נור אבת יחידה און זוכט אחתן אעילוי · איך זאג צו קיין געלד · דען מיט דער צייט וועט דאך זיין אלץ זיינע דאס הייסט ער וועט דאך זיין איורש · איך זאג נור צו אייביגע קעסט און דירה · שוכען און קליידען און פאר לאנג נור דאס ער זאל זיצן און לערנען · דיא שדכנים מאכין מיר באלד פאר אנגיר · פאר אנגעהייבענעם מענטשין · און זוכין מיר באלד אויף אגוטין ארעם בחור וואס זאל קענען באלד נאך דער חתונה קנעלען · און שרייב מיט אים תנאים · לאז זיך דער ביא זייער שיין געפינען · באצאל ארענטליכע שדכנות · דער ראש ישיבה באקומט אויך פון מיר אדרייא רובעלדיקע און נעם דעם חתן מיט זיך אהיים און מאך באלד חתונה · דאס ער האט זיך גאר ניט צייט ארום צו זעהען ווער איך בין און וואס איך בין · און דער נאך אלס ער זעהט שוין איין אויף קלאר דאס ער קאן ביא מיר קיין טאג ניט זיין זוכט ער זיך שוין אליין אקנעלונג · אדער ער פארט אוועק אין אקליין שטעטיל לערנען · איך לאז אים וויא דער פישער דעם געפאנגענעם העכט אויף דער שנירעל · דען מיין טאכטער זוכט אים באלד אויף · היינגט זיך אויף אים אויף וויא איינע קלעטע (האפען) ארום אדארען שטיינגעלי שפאנט אים איין אין יאך און ער שלעפט איר שוין אויף דיא פלייצעס · ער באקומט מיין טאכטער אנאקעטע אן אהעמד זאג איך אייך ער בייסט זיך אפילו דיא פינגער אבער וואס העלפט עס נאר בלייבט נאר מכה בלייבט מכה „דאס קען אבער מער ניט טאן וויא אייער גלייבן" האט זיך אפגערופען דיא עגונה וואס זיא איז ביז אהער

גיזעסען

גיזעסין גאנץ שטיל אונ האט זיך איינגעהערט זייער געשפרעך גאנץ גלייכגילטיג ביז דיזען פונקט · דען עס האט איר זייער פערדראסין דאס אפאטר זאל אזוי שלעכט בעהאנדלען איינע אייגענע טאכטער איך וייס פון זיך אליין דאס וואס מען זאגט צו איין איידים הרים וגבעות אונ דער נאך גיט מען אים ניט אגראסין נארט מען זיך אליין דען דר סוף איז דער פון ענטפער דר מאן היינגט אויף די טאכטר אנגט אדר ער מאכט איר גאר פר איינע עגונה·דען אזו וואר ביי מיר אויך מיינע עלטערין האבן פר׳גמיר בעקומ׳ אשיינעם בח״ל האבן אים צו גיזאגט קעסט אונ געלט אונ דער נאך אלם ער האט זיך ארום גיזעהן דאס מען האט אים בעטראגען האט ער מיר אונטר גירוקט אגט אונ בין אונגליקליך ביז דיזען טאג :

„איי האט מיר קיין פאר איבעל„ האט זיך אפ גירופען דער ר׳ קאפיל מירקעס זייער ערבייזט·וואס גלייבט איר זיך צוא מיינע טאכטר׳נים פארגעסט דאס איר וייט דאך אהויקר אונ אשלעפאטקע (אבלינדע) ווען אייערע עלטערן וואלטען אייך געבען סאלאנקעס מיט גאלד וואלט מען אייך אויך נאך דר חתונה אפ גיגט אונ עס איז מיר אוואונדר אזוי גאר דאס עס האט זיך אויף אייך איין באלען גיפונען · אונ צווייטינס האב איך עפעס מער וועלט פאר אייך זיך אנגעזעהען · אונ וויים דאס לייט · פרומע לייט טוען נאך פיל קליגער אונ פאלשער ביי די ענינים פון שידוכים · אונ ניט נור ביי אייגענע קינדער אפילו ביי פרעמדע אויך · הערט איך וועל אייך דער ציילען וואס איך האב גיזעהן מיט מיינע אייגענע אויגען אלם איך וואר אין ווילנא פאר איאר צעהען · עס האט מיר דאן אנגעטראפין אין גאס איין ארעם בחור פון אונזער שטעטעל איין געווירסער וועלקע אסנעם אוואוילער יונג האט געקאנט גאנץ גוט לערנען אביסעל זינגען אגוטער בעל קורא · אונ האט מיר דרציילט דאס מען רעט אים אשידוך מיט אגעוויסען ר׳ בעריל חיענקעס׳ ער האט איינע איינציגע טאכטער אשיין מיידעל אונ וויל געבין איאר זיבען קעסט · אונ דער צוא נאך ארובל דרייא הונדערט · אום אוים

צו



צוא צאלען אין איאר דריי אונ פרענט ביי מיר צו זאל ער עס טאן „אונ ווארום ניט : האב איך אים גיענטפערט„ דוא דארפסט גאר ניט בעסער דען דוא קענסט אין דעם משך פון קעסט זיצען אונ לערנען אונ ווערין ארבי׳ עס איז אבער דער ביי דא אחרון האט ער מיר גיענטפערט דיזער בעריל איז אפילו אגאנץ פרומר אונ ער לעבט זיך זייער שיין ער איז אבער אקצב האב איך אים גיענטפערט אקצב איז דען קיין איד אונ דו אליין ביזט דאך אויך קיין גרויסער מיוחס ווען אזוי האט ער זיך אפ גירופען וועל איך טאקע אי״ה טאן · אונ איר זאלט זיין ביי מיר אויף תנאים אלם מחותן · דען איך בין דא איין עלטער :

אויף מארגען וואר איך געלאדען אויף תנאים צוא אים · עס וואר דארט זייער שיין צוא געגאנגען · עס איז מיר דיא מיידעל אויך געפעלען · אונ האב דארט צו געבראכט איינעם פריילכן אוונד מעהר אליץ איז מיר געפעלען דער מחותן · דען ער האט מיר אוים געוויזען גאט אין ציצית · ער האט מיר געוויזען אבעזונדערן ציבר מיט ספרים וואו דער איידים וועט זיצען אונ לערנען · אונ האט נאך פאר שפראבען צוא שיקען ארובעל צוואנציג דעם חתנם מוטער · אונ בין דארט אוועק וויא אונטער אונז געזאגט מיט נייד (קנאה) אונ פאר דרום פאר וואס האט ניט גיטראפען אזוי אגליק מיין יאסציקען מיינעם עלטערען בחור וואס קען אפולע בעסער לערנען אלם ער · אונד איז פון אפולע שענערע פאמיליע · דען ער איז גאר אליין אסוסטערס אאינגעל · אין אטאג דרייא ארום איז צוא : מיר געקומען דר חתן זייער פריילעך אונ האט מיר דער ציילט דאס זיין מחותן האט אים שוין אריין געגומען צוא זיך אין שטוב · דען עס שטייט אים ניט אן דאס ער זאל עסין טעג אונ האט גילויבט זייער זיינע קעסט · אונ וועט אים ביי זיך האלטען ביז דער חתונה וואס מען האט אפ גילייגט אויף שבת נחמו · גאנצע דרייא חדשים · אונ האב אים אלזוי געשעצט פאר העכסט גליקליך :

אין עטליכע טעג ארום איז ער ווידער געקומען צוא מיר מיט

נאך

נאך אבעסערע בשורה „מיין מחותן" האט ער מיר דער צײלט „האט זיך מישב גיוועזן דאס עס זאל שוין זיין חתונה · דען ער זאגט עס איז אומפאס דאס חתן און כלה זאלען זיין בעזאמען אין איין שטוב אזוי אמשך נאר אן אשומר · דען ער מיט זיינע פרויא זייען גאנצע טעג אין יאטקע" און האט מיך צוא גלייך געבעטען אויף דער חתונה וואס וועט זיין איבער מארגען · און איך וואס האב מיך שוין אויסגעשטעלט איינמאל פאר אשטיקעל מחותן · האב איך געקויפט אדרשה געשאנק · און וואר ביא דער חופה וועטצערע וויא גיזאגט דיא גאנצע קרוין פון דער לאמענאציע · אוועק גייענדיג פון דארט האט מיך דער מחותן געבעטען דאס איך זאל זאגען דעם חתן אביסעל מוסר דאס ער זאל זיין אמתמיד · און זאל ערליך האלטען שווער און שוויגער און דיא וייב · איך האב עס אויך גיטאן און דער חתן האט מיר געדאנקט :

אין אטאג פינה אדער זעקס נאך דער חתונה · איז צוא מיר געקומען דער חתן זייער טרויעריג שווארץ וויא דיא ערד · פינסטער וויא דיא נאכט מיט רויט געוויינטע אויגען „וואס איז מיט דיר דיא מעשה וועלקע ?" האב איך אים געפרעגט „וואס דוא ביסט אזו פאר חושכת · „אוי אוי" האט ער זיך אפ גערופען צו מיר „ווען איך לעב נאך בין איך שטארקער פאר איין אייזען מען האט מיך זייער גוט נאדועט : דער קצב האט מיך בעטראגען פון קאפ ביז די פים · ער האט מיך גיזאגט דאס דיא מיידעל איז אבת יהודה זיינע" אונד איצט לאזט זיך גאר אוים — · „ער האט פון גרוים קלעמונג מעהר ניט גיקענט ריידין און האט ארוים געפלאצט אין אגרויסען געוויין" נוא וואס איז מיט דיר האב איך אים געפרעגט ? איז זיא ניט אבת יהודה „האט ער צוא איר נאך אמיידעל" את וואס רעט איר „האט ער זיך אפ גירופען מיט אגרוים הליפעריי איר לאזט מיך ניט אוים ריידין · פון מיינעם וועגען וואלט ער האבין נאך צעהען · דער חסרון איז דאס ער האט איינע אויך נים · ער איז גאר אבעזהעטניק צוג דיא כלה מיינע איז גאר אפרעמדע מיידעל וואס איז גיגאנגען

איבער



איבער דיא הייזער · עס איז שוין דיא הונדערטע וואס ער מאכט אזוי חתונה · און נארט אלץ אפ צו די תנאים אויף דיזען אופן ער זאגט אלץ · דאס די מיידעל איז זיינע אבת יהודה · זאגט צו קעסט מאכט אחופה וועטשערע און דער נאך טרייבט ער זיא ארוים · און אזוי בעגייט ער זיך אויך מיט מיר · און איצט מיין ליבער פריינד מוז איך גיין זוכין אדירה · גאנץ שלעכט :

„הער צוא ברודער" האב איך אים גיענטפערט · נאר בלייבט נאר מקח בלייבט מקח · דוא האסט זיך גידארפט פריהער ארום זעהען איידער דוא האסט גענומען · איצט איז עס שוין פארפאלין" און אזוי וואר דער סוף : ער האט זיך אוים גיזוכט אדירה און האט זיך גימאכט אקנעלונג · און לעבין נאך עד היום בייזאמען · האבען ערלעבט קינדערלאך און גייען גוט יום טוב ביטין צוא דיזין ר' בערלען · און האלטין אים פאר איין פאטער „און איר האלט עס פאר אוישר" האט זיך אפ גירופין דיא ענונה „דאס מען בעטריגט אייגען אונשולדיגן מענטש וואס האט גיקענט פילייכט גליקליכר זיין דען ער האט ווירקליך גיקאנט טאן אגוטין שידוך · און איצונד מוז ער שוין קנעלען ביז טויט · און מיינע שונאים זאלין כלמדים זיין · דען דאס איז ערגער אלס האלץ האקין · אלזוי ווייזט ביא מיר אוים אזוי ר' בעריל הייענקעס מעהר פר אלס בעטריגר אלס מצוואטניק :

איי דייט איר מיר דאך האט קיין פאר איבעל ניט · גאר אאידענע" האט זיך אפ גירופין דער ציוסקער · און דער צוא נאך גאר אפראסטאצקע־וואס האט קיין מאל ניט גילייענט קיין טייץ חומש · און קיין מנורת המאור אויך ניט דען דארטין ווערט דאך גיבראכט דער מאמר פון דער גמרא (בבא בתרא) וואס זיא דרשת אויף דעם פסוק „לב אלמנה ארנין" כל היכא דהוה אלמנה דלא נסבי לה שמיה הוה שדי עלה ואיתנסיבה לה" דאס הייסט איוב פלעגט זיך צו פירען וואו עס וואר נור איינע אלמנה וואס קיינער האט איר ניט געוואלט נעמען האט ער זיך אוים גערופין דאס ער איז איהרער אקרוב · און דורך דעם האט זיא גענומען אגוטען שידוך · און ווידר

איז

איז דא אגמרא אין כתובות דאס מען מעג צוא זאגען איין אידעם נדן אונ דער נאך אגראסין ניט געבין · נין לאזט זיך דאס אויס דאס דער בעריל חייענקעס וואר פארט אאיד אצדיק „אט וויא איך בין אאידענע אפראסטאצקע" האט זא זיך אפ גירופין „דוכט מיר דאס איך פאר שטייא דיא גמרא פיל בעסער פאר אייך איר פורקעט צוא זאמען דא צווייא זאכין וואס איינע געהערט גאר ניט צוא דער אנדערע אזוי וויא איינער האט דער ציילט אמאל דאס ער האט מיט זיינע אייגענע אויגין גיזעהען דאס אפייגעלע איז גיפלויגען אונ אהונט איז געזעסען אויף דעם עק · ער האט דער ציילט אפילו אמת · אונ עס איז וואר דאך גיט אמת · ער האט געזעהן יעדער זאך באזונדער · אפייגעל איז געפלויגען · אונ אהונט איז געזעסען בייא זיך אויף דעם עק · צו זאגט דען דיא גמרא דאס איוב האט בייא זיינע התקרבות צו דער אלמנה וועכן אפ געגארט אדער צו זאגט דען דיא גמרא דאס לכתחלה איז ערלויבט צו טאן אשידוך מיט אפאלשקייט · עס איז נור געמיינט ווען דר שווער האט ניט מיט וואס דער נאך צו סיליקין דעם נדן · האט ער ניט דעם דין פון אבעל חוב דאס איך זאל אים דר פאר פר משכנען אדער זיינע גיטער אוועק נעמען א איך ווייס לעריגט מיך ניט איך בין ב"ה שוין געניט אין דיזע אלע זאכין שיין בין איך ניט · דאס איז אמת וואר איז וואר אבער וואס דער ר' קאפיל מירקעס זאגט דאס ער האט מער וועלט פאר מיר אנגעזעהן דאס קען איך אייך דרייסט (אפען) זאגען דאס ער האט אין דיזער זאך גאר אטעות :

„יוא אמעשה" האט זיך אפגערופין דער קארעבעלניק „וואס איז איך בין ניט אויס געווען גאנץ פאלעשע · אונ ארעכטע שטיק אין וואלינען" נוא וואס האט איר דארט געזעהען ? האט זיא זיך צו אים אפ גערופען „ווידער אדארף מיט פויערים · אונ ווידער אקליין שטעטיל מיט ציגין · אדער אחסידרנע : אקלויז מיט ארומע בחורים · אונ ווען שוין גוט גיזאגט האט איר גיהאט צוא טאן מיט נאך אקרעמערקע וואס שווערט אפ גאט מיט טאטע אונ מאמען פאר

אסאפייע



אקאפייקע פאר דינסט שעמט אייך אין אייער ווייטין האלדז · וועלט האב נור איך אנגיזעהן איך בין גיוועהן אין דיא גרעסטע מקומות פון רוסלאנד אונ פון אויסלאנד · איך בין גיוועהן אין פרייסין · אין זאקסען · אין איטאליען · אין אונגארען · אין אייגנלאנד · אין פראנקרייך · דארט וואלט איר זעהען וואס פאר אצורה עס האט דארט אהיגער לענדעשער איד · אונ זייא האבין רעכט דען לא די דאס זייא זיינען נוציגע מענטשין · גרויסע קויפלייטע · פאבריקאנטין גרויסע געלערענטע לייט · זיינען זייא נאך פיל פרימער אלס מיר זיינען · מיט דעם נאמען איד שעמט מען זיך גאר ניט דארט · ארב ווערט דארט געהאלטין בכבוד גדול · מיט אגרויסע געהאלט · אין דיא שולען טאר ניט אזוי ארט גערעט ווערין · זייערע צדקות איז גאר אן אשיעור · אונ ווידער זיינען זייא דארט העכסט פרומע לייט וואס לערנען יומם ולילה · זיינען עוסק במצוה · אונ נארין ניט אפ יונגע מענטשין מיט פאלשע שידוכים וויא אונזערע ווייציזקהקעס · זייא וואלטין עס וויסן דארט פון אזעלכע געשיכטעס וואלט מען עס געווים אויף דעם טעאטער גישפילט · פענדזע גימאכט „אזוי גאר פרום זיינען זייא דארט נאך אויך ?" האט זיך אפ גירופען דער ר' עוזר ציגקעס „דוכט מיר דאס אלע וואס קומען פון דארטין דער ציילין בייא אונז אין קאוונא דאס זייא האלטין דארטין דיא קראמען אפין אום שבת · רייכערין ציגארין אום פריטאג צו נאכט היטין קיין כשרעם · דיא ווייבער היטין קיין טבילה · שיינע אידען זיינען דארט ?" :

„נוא זאלט איר וויסען דאס דיזע אלע לייט" האט זיא זיך אפגערופען · דיא וואס טוען זיינען על פי רוב פוילישע אידען וואס האבין זיך דארט באזעצט אדער אם ווייניגסטען זייערע קינדער · אונ צווייטענס זעלבסט אונזערע פרימסטע אידען וואלטין זייא נור דארט געוואוינט וואלטין זייא אויך ניט בעסער גיוועזן · ווייל דא אין אונזערע לענדער ליגט דער האנדיל נור אין אידעשע הענט אליין · אונ דיא מערק זיינען אלע דיא וואכען טעג · דארט אבער

האנדילט

האנדילט דער קריסט מעהר פאר דעם אידין׳ אונ אום שבת איז דארט גראדע דער רעכטער מארק אונ דער רעכטע גישעפט׳ אין לאנדאן איז דיא רעכטע לייזונג נור אום שבת אונ אזוי אין אלע איינגעלשע שטעט ווערט מען טאקע זייער לייכט נבשל דורך דעם אין במה ובמה ענינים׳ אונ דער ביא אלעם דעם זיינען דאס רוב דארט ערליבע אידין׳ אין אמשטערדם׳ האמבורג׳ דאנציג׳ לאנדאן זיינען דא זייער פיל פרומע לייט׳ גאר צאצקאוואטע אידין וואס מיר האבן דא גאר ניט זייער גלייכין׳ אונ דאך אבער אזעלכע הומהייטן אונ צוואוויאצטווע וויא ביא אונז איז דארט ניט צו זעהען אונ ניט צוא הערין :

„לאמיר דיא ויכוחים אוועק לייגין" האט זיך אפגערופען דער קארעבעלניק; איך וויל מער ניט וויסן וויא אזוי קומט איר אאידענע אדראב אין אזעלכע ווייטע מדינות? אונ איך גלויב אייך דאס איר זייט דארטין גיוועזין דען איר רעט זייער פערצויגין עפעס איין דייצערעס „ניט פון גוטס אונ ניט פון וואולטאג האב איך עס גיטאן" האט זיא אים גיענטפערט „מיין ביטערער נויט האט מיך דער צוא געטריבין׳ מיין פאטער זכרונו לברכה האט גיוואלט איין נחמה דער לעבן אן מיר אונ האט מיך חתונה גימאכט אין מיינער קינדהייט אונ דער צוא נאך מיט בעטרוג׳ האט צוא גיזאגט דעם חתן הרים ונבעות׳ חוץ דעם וואר איך אליין גאר גיט נעשאפען צוא האבין נאר אמאל חתונה׳ דען באמת בין איך אשטיק צרה׳ אהויקער אדוסליוע פון מיינער קינדהייט אן׳ דער צו נאך מיט קראנקע אונ שוואכע אויגן׳ דאס עס וואר גאר אונמעגליך דאס אמאן זאל גאר מיך אמאל ליבען׳ דאס גלייכסטע וואלט גיוועזן פאר מיר׳ דאס ער וואלט דאס געלט וואס האט גיקאסט דיא חתונה אנגעווענדעט אויף דיא ווארעם בעדער אום מיך גיזונד צו מאכין׳ דען אזוי האבין דאך גיראטן די דאקטורים *) נוא וואר דער סוף׳ דאס מיין מאן
וואר

*) ביא דיא אלטע גריכען וואר דיא זיטע׳ דאס מען האט
ניט



וואר מיט מיר אין איינעם עטליכע וואכין נור׳ ער וואר אגאנץ שיינער אונ אגאנץ קלוגער אינגעל׳ אונ וויא ער האט נור דורך גענומען דאס מיין פאטר איז אקבצן אונ איך בין אשטיק געשעכעם האט ער אפגיטראטין פון אונז אונ מיין פאטער האט זיך מיט אים געדינגעט אלץ ארוים גענומען פסקים דאס ער זאל מיר געבין מזונות׳ אונ דאס איז אלץ ווערט גיוועזן צוויא פליא׳ דאס ענדע דער פון וואר דאס ער איז געפעלען געווארען אריינען פוטערניק׳ האט ער אים נעבאטען אשיינע מיידיל פאר אווייב מיט איינע הונדערט רובל נדן׳ אונ ארובל הונדערט כתובה פאר מיר׳ אונ האט מיך אפגעגט׳ דאס געלט האט צוא גענומען דער פאטער׳ אונ האט עס אוועק גיגעבין כתובה זיין נייע ווייב וואס ער האט גענומען ניט לאנג נאך מיין מוטערס טויט׳ אונ וואס זיא האט אים פאר דייט דאס לעבען׳ אונ אין אפאר יאר ארום אלם דער פאטר מיינער איז אויך גישטארבין׳ אונ איך האב מיך ניט גיהאט וואו אהין צו טאן׳ האב איך ארוים גינומען כתבים פון דיא מורי הוראות׳ דאס איך בין איינע עגונה אבת טובים׳ אלם איך האב זייא אויך גינארט אונ האב זייא גיזאגט דאס איך בין איינע עגונה׳ אונ האב מיך אוועק גילאזין אין דער וועלט קלוימערסט אמאן זוכין אונ האב אזוי דורך געצמוטעוועט גאנץ ליטא׳ זאמעט׳ פאלעשע׳ רייסען׳ וואלינען׳ וואלעהיי׳ וואו איך בין געקומען האב איך געהאט צוא עסין אונ טרינקען׳ אונ האב דעם גראסין אויך געמאכט׳ אונ האב אזוי פאר בראכט איאר
פינף

ניט געלאזט קיין פאר פאלג חתונה האבין וואו מען האט זייא ניט פריהער גערעווידירט פובליצנע צו זייען זייא געזונטע מענטשין׳ ווען איינער פון זייא וואר קראנקלאך האט מען קיין ערלויבינעס געגעבען׳ ווייל שוואכע מענטשין האבין שוואכע קינדער וואס דאס איז איין אומגליק פאר דער מדינה׳ העכט וואלט עס גיווען ביא אונז איינצופירען :

פינף אונ צוואנציג · דען אין יעדער גרויסע שטאט האב איך מיך פאר זאמט אגאנצען חדש · אונ האב באקומען כתבים דארט פון דעם רב · פון דיא דיינים · וואס זייא האבין אין זייא מעיד גיוועזן אויף מיר דאס גלייכין דאס איך בין איינע עגונה אבת טובים · וויא איך האב שוין גיגארט דיא ערשטע רבנים · אונ מען זאל מיך העלפין מיט אלע מעגליכקייט :

אויף דיזע רייזע האב איך מיר אנגעזעהען וועלט · אונ בעקאנט געווארען מיט דיא גרעסטע לייט · מיט דיא גרעסטע גבירים · אונ ווען איך וואלט געוועזן אנגעלערענטע וואלט איך געקענט גאנצע ביכער שרייבען פון דיזער רייזע · איך בין גיוועזן בייא דיא גרעסטע חסידעשע רעביים אונ האב געהאט פון זייא גרויסע התקרבות · איך בין גיוועזן בייא זייער טיש · געשפייזט מיט דיא ווייבער זייערע · אונ האב באקומען פון זייא דער נאך פאר מיין אהעק פארין אשיינע נדבה · דער צוא נאך האבין זייא מיך גיבענטשט דאס איך זאל מיין מאן געפינען · איינער פון זייא אפילו האט מיך געראטען דאס איך זאל פארין קיין פוקסאן וואס אין בוקארעסט · דען ער ווייס געווים על פי רוח הקודש דאס מיין מאן איז דארט · איך האב אים אבער ניט געפאלגט · ווייל איך האב געוואוסט בעסער פאר אים וואס דאס מעהר מיט מיין מאן איז · אונ וואו ער געפינט זיך · אונ האב בייא זיך געטראכט דאס זייגען אפילו אויך מער ניט וויא מענטשין · מען קען זייא אויך בעטריגין אונ נארען וויא אונזערע מתנגדישע רבנים · איך האב פייגים צוא זאגען · עס האט מיך מיין געוויסען (סאוועסט) אזוי גאר געפלאגט דאס איך בעטריגע אזעלכע אונשולדיגע לייט · אונ אזוי גאר אגאנצע וועלט מענטשין · איך האב אבער קיין ברירה גיהאט · דען איך האב ניט גיהאט פון וואנען צו לעבין · צווייטינס האב איך אנגעטראפין אונטער ווענענס גרעסערע צמוטעם אלם איך · וואוילע יונגע לייט וואס האבין געשפילט די ראלע פון פרושים אונ האבין אפ גיטאן מעשים שלא יעשו · האבין גיהאט צוא פינף זעקס

ווייבער



ווייבער · אונ האבין נאך דער צוא בדלות געשטעלט דיא בעלי בתים וואו זייא האבין גיגעסין · דער כלל ליבער ר׳ קאפיל : דיא וועלט איז פאלש · אבער נג אין דיא היגע לענדער וואס דיא צוואויאצטוע שפילט נאך אגרויסע ראלע · דארט אין יענע לענדער איז שוין דאס ניט צו זעהן · עס וואר דארט נור איינע וואס האט זייא זייער גוט געשווינדעלט · אונ דיזע וואר איך אליין : דען וויא איך בין שוין גיווארין אלט איאר עטליכע אונ פערציג אונ האב נאך דער צוא פערלארין דעם גרעסטין טייל פון מיינע פאדערסטע צייגער · דאס איך האב שוין אויס גיזעהן וויא איינע אלטע העקסע (מכשפה) · האט שוין ניט גיפאסט פאר מיך אומצופארין איבער דער וועלט אלם איינע עגונה וואס זוכט אמאן · אונ האב מיך מישב געוועזן דאס איך זאל אנהייבין צוא שפילן אין דער וועלט איינע אנדערע ראליע · דאס הייסט איך זאל מיך אויס געבין פאר אגרקע אונ האב מיך דיזער ראלע פיל בעסער גימאכט אלם מיט דר ערסטע· איך האב ארוים בעקומען פון אקליין שטעטעלדיגן רעוויל אכתב אויף איינעם אלטין פאפיר : מיט איינער אלטע דאטע דאס איך האב מיך מגייר געוועזן שוין מעהר אלם דרייסיג יאהר · אונ היטע אידעשקייט וויא איינע פרומע אידעשע טאכטער· אונ דאס ער אליין מיט זיין בית דין אונ מיט זיינער פרויא האבין מיך מגייר גיוועזן מיט דיזן כתב האב איך שוין בעקומען כתבים פון גרעסערע רבנים וואס האבין מעיד גיווען אויף מיך דאס איך היט אפ דעם אידישען דת אין העכסטען גראד · אונ האב מיט דיזע כתבים מאסף במון גיוועזן · עס וואר קיין שטעטעלע קיין דארף וואס איך האב דארט ניט גיהאט דיא גרעסטע התקרבות אונ דער צוא דיא גרויסע נדבות · אונ ווייל איך האב מורא גיהאט דאס מען זאל ניט אונטער סליהן אין דער פאליציא · קען ארוים קומען דער פון אגאנצע צאצקע · הער צוא נאך וועט מען זיך דורך דעם ארום זעהן דאס איך בין אבעטריגערין · האב איך מיך אריין געהאפט אין אויסלאנד · אונ האב דארט געשארט דעם גראסין מיט ביידע הענט · איך האב

דארט